ג. סאנדלער

# נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ

פארלאג „עמעס“, מאָסקװע 1935

## I. דער קויעכ פונ דער לעניניש־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק

די אויסבילדונג פונ די ייִדישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנענ אינ אונדזער לאַנד איז ארויסגעדרונגענ פונ די אַלגעמיינע פּרינציפּנ פונ דער לעניניש־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ווי נאָר עס האָבנ אונטער די קלעפּ פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געפּלאַצט די קייטנ פונ דער נאַציאָנאַלער פאַרשקלאַפונג, האָבנ זיכ באַלד ארויסבאַוויזנ די ווידערשפּרוכנ צווישנ דעמ סאָציאַלנ באַשטאַנד פונ דער מערהייט שיכטנ פונ דער ייִדישער באַפעלקערונג און די נייע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגענ פונעמ נאָכ־אָקטיאַבערשנ פּעריאָד.

נאָכ אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, ווענ עס איז אויסגעקומענ אָנצושטרענגענ אַלע קרעפטנ פונעמ יונגנ ראַטנ־לאַנד אינ קאַמפּ קעגנ דער אינערלעכער און צווישנפעלקערלעכער קאָנטררעוואָליוציע, איז ארויסגערוקט געוואָרנ די פראַגע וועגנ העלפנ דער ייִדישער אָרעמקייט אריבערצוגיינ צו פּראָדוקטיווער ארבעט. שוינ אינ אָקטיאַבער 1918 יאָר, אפ דער קאָנפערענצ פונ די ייִדישע סעקציעס בא דער ר.ק.פּ. (ב), איז געשטעלט געוואָרנ די פראַגע וועגנ אויסזוכנ מיטלענ צו פאַרוואַנדלענ די נעכטיקע „לופט־מענטשנ" אינ האָרעפּאַשניקעס, אינ נוצלעכע בירגער פונ די סאָציאַליסטישע רעפּובליקנ, וועגנ צוציענ צו פּראָדוקטיווער ארבעט צענדליקער טויזנטער פאַמיליעס, וואָס זיינענ אינ דער פאַרגאַנגענהייט געווענ פאַרבונדנ מיט דער קליינבירגערלעכער סטיכיע, מיטנ האַנדל מיט פאַרמיטלעריי און מיט די איבעריקע באַשעפטיקונגענ, וואָס זיי האָבנ באַקומענ בעיערושע פונעמ צאַרישנ רעזשימ.

אינ די ערשטע יאָרנ פונעמ אופשטעל־פּעריאָד איז די אינדוסטריע, ווי באַוווּסט, געוואַקסנ מיט לאַנגזאַמע טעמפּנ, דער וווּקס פונעמ ארבעטערקלאַס איז געווענ ניט קיינ גרויסער, און דערצו איז ער הויפּטזאַכלעכ פאָרגעקומענ אפנ כעזשבנ פונ די געוועזענע קאַדראָווע ארבעטער. די קוסטאַרישע אונטערנעמונגענ זיינענ געווענ זייער באַגרענעצט אינ זייער מעגלעכקייט אופצונעמענ נייע ארבעטער. ס׳איז דעריבער געבליבנ דער הויפּטוועג — צו נעמענ זיכ פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער ארבעט. די דאָזיקע שטרעבונג הייבט אָנ סטיכייִש אָנצוּוואַקסנ. אינ גרונט כאַפּט זי ארומ די אר-

בעטלאָזע אָרעמקײַט פֿון די שטעטלעך, פֿון די קלענערע שטעט, ווי אויך די ווייניק קוואַליפֿיצירטע קוסטאַרן.

אין די יאָרן 1923 — 1924 הייבן אָן הונדערטער פֿאַמיליעס סטיכייִש אַריבערצוגיין צו לאַנדווירטשאַפֿט אויף ערדן, וואָס געפֿינען זיך נאָענט צום שטעטל און צו דער שטאָט.

אָבער ווי נאָך די דאָזיקע שטרעבונג צו ערד האָט אָנגעהויבן אָננעמען אַ מער אָדער ווייניקער ברייטן מאַסשטאַב, האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דער פֿרײַער ערד־שעטעך, וואָס געפֿינט זיך נאָענט אַרום די שטעט און שטעטלעך, איז זייער באַגרענעצט און סטאַיעט ניט אויף אויפֿצונעמען די ברייטע ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן, וואָס ווילן זיך פֿאַרנעמען מיט ערדאַרבעט.

און דער דראַנג צו ערד איז אין די שטעטלעך געוואַקסן. הונדערטער ייִדן פֿון די שטעטלעך און שטעט, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע אַקטיווקײַט און ערנסט אין זייער פֿאַרלאַנג צו באַשעפֿטיקן זיך מיט לאַנדווירטשאַפֿט, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן אין אַנדערע געגנטן און רעפּובליקן פֿונעם פֿאַרבאַנד צו זוכן ערד. מע הייבט זיך אָן צו אָרגאַניזירן אין אָרטעלן און אין אַנדערע מינים פֿאַראייניקונגען. מע שיקט גייערס (כאָדאָקעס) אויף דאָרעם־אוקראַינע און קיין קרים. נאָכדעם ווי זיי האָבן דאָרט באַגעגנט צו זיך אַ מיטפֿילנדיקע באַציִונג און אויפֿמונטערונג מיצד די אָרטיקע ערד־אָרגאַנען, פּאַרטייִשע און סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס, לאָזן זיך אַהינצו גאַנצע גרופּעס. אָט אַזוי האָבן פֿון פֿאַרשיידענע שטעטלעך פֿון די געוועזענע קיִעווער, וואָלינער און טשערניגאָווער גובערניעס זיך געלאָזט עטלעכע הונדערט ייִדישע פֿאַמיליעס קיין קרים, אין אָדעסער, כערסאָנער און אַנדערע קרײַזן.

אין אַווגוסט 1924 יאָר איז לויטן באַשלוס פֿון פּרעזידיום פֿון צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט באַשאַפֿן געוואָרן דער קאָמערד (קאָמיטעט פֿאַר ערד־אײַנאָרדענונג פֿון ייִדן־האָרעפּאַשניקעס באַם נאַציאָנאַליטעטן־ראַט פֿונעם צענטראַלן אויספֿירקאָמיטעט פֿון פֿססר).

דאָס אָרגאַניזירן דעם קאָמערד איז געוואָרן דער יעסאָד פֿאַר אַ ברייטער, אָרגאַניזירטער און פּלאַנמעסיקער אַרבעט אויפֿן געביט פֿון צוציִען ייִדן־האָרעפּאַשניקעס צו לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט. דער באָדן פֿאַר אַ גרויסער אַרבעט אין דער דאָזיקער ריכטונג איז שוין געווען אַלזײַטיק צוגעגרייט. די שטרעבונג צו לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט האָט נאָך ביז דער אָרגאַניזירונג פֿונעם קאָמערד אַרויסגערופֿן אַ ריי באַשלוסן פֿון דער אוקראַיִנישער און ווײַסרוסישער רעגירונגען, ווי אויך פֿון אַ ריי אָרטיקע אָרגאַנען וועגן אויסטיילן גרעסערע ערד־מאַסיוון פֿאַר דער ערד־אײַנאָרדענונג פֿון דער ייִדישער אָרעמקײַט.

די פֿראַגע וועגן אַ מאַסן־איבערוואַנדערונג פֿון הונדערטער און טויזנטער פֿאַמיליעס פֿון די שטעטלעך און שטעט אויף די קאָלאָניזאַציע־פֿאָנדן



איז געוואָרן אויף אַזויפֿיל אַקטועל, אַז מע האָט געמוזט באַלד נאָכן אָרגאַניזירן דעם קאָמערד צוטרעטן צו אַ גרונטלעכער צוגרייטונגס־אַרבעט פֿאַר דער ברייטער קאָלאָניזאַציע. אין דער ערשטער ריי האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע וועגן אויסזוכן באַדײַטנדיקע ערד־פֿאָנדן, וואָס זאָלן מיט זיך פֿאָרשטעלן דורכויסיקע מאַסיוון. און דאָ איז אויסגעקומען אין דער ערשטער ריי צו ווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט אויף יענע ערד־פֿאָנדן, וואָס געפֿינען זיך נאָענט פֿון די אַלטע ייִדישע קאָלאָניעס אין דער סטעפּ־אוקראַינע.

אינעם ראַיאָן פֿון די אַלטע קאָלאָניעס אויף כערסאָנשטשינע האָט זיך אַרויסגעוויזן באַ 40 טויזנט הא פֿרײַע ערדן.

אַזעלכע פֿרײַע ערדן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אויך נאָענט פֿון די אַלטע ייִדישע קאָלאָניעס, אין קריוואָראָגער קרײַז. צווישן די אַלטע ייִדישע קאָלאָניעס אין דער סטעפּ־אוקראַינע איז געווען נאָך איין גרופּע פֿון 15 קאָלאָניעס, 8 פֿון זיי, זייער נאָענט איינע פֿון די אַנדערע, זײַנען געווען אין זאַפּאָראָזשער קרײַז.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָרגאַניזירטע מאַסן־איבערוואַנדערונג אויף די ברייטע, ראַכוועסדיקע סטעפּעס פֿון דאָרעם־אוקראַינע.

דער ערשטער ייִדישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, דער קאַלינינדאָרפֿער ראַיאָן איז געשאַפֿן געוואָרן אין 1927 יאָר.

און מיט 2 יאָר שפּעטער, דה. אין 1929 יאָר, ווען די איבערוואַנדערונג־קאַמפּאַניע אינעם ראַיאָן פֿון די זאַפּאָראָזשער־מאַריופּאָלער קאָלאָניעס האָט אַרויסגערופֿן אַ צופֿלוס און פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון העכער 800 פֿאַמיליעס נײַע איבערוואַנדערער — איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויך דער צווייטער נאַציאָנאַלער ראַיאָן, דער נײַזלאַטאָפּאָלער.

אַלס דריטער, אין כראָנאָלאָגישן סיידער, איז אויף אוקראַינע אויסגעטיילט געוואָרן דער סטאַלינדאָרפֿער ייִדישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן אויף דער טעריטאָריע פֿון די געוועזענע קריוואָראָגער און ניקאָפּאָלער קרײַזן.

מיטן אָרגאַניזירן די ייִדישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען איז די ייִדישע שטעטלדיקע אָרעמקײַט, וועלכע איז צוגעצויגן געוואָרן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט אויף קאָלווירטישער ערד, און די אַלטע ייִדישע קאָלאָניסטן, וואָס זײַנען אַריבער צו אַ קאָלעקטיווער ווירטשאַפֿט — צוגעצויגן געוואָרן צו דער סאָציאַליסטישער בויונג, צו שאַפֿן אַ פֿאַרמעגלעך קאָלווירטיש לעבן.

אַלע דרײַ ראַיאָנען אין אוקראַינע זײַנען פֿאַר די עטלעכע יאָר פֿון זייער עקזיסטענץ אומגעהייער אויסגעוואַקסן. סײַ די קאָלווירטן פֿון די אַלטע קאָלאָניעס, סײַ אויך די גרעסטע מערהײַט איבערוואַנדערישע קאָלווירטן האָבן שוין באַקומען די פֿריִערדיקע צעקראָכנקײַט און אומדיסציפּלינירטקײַט אין דער אַרבעט. די קאָלווירטן זײַנען געוואָרן פֿעסטע סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען. אויף דער באַזע פֿון שטײַגנדיקן וווילשטאַנד,

וואקסט נאָכאַנאַנד אין די ראַיאָנען די קולטור, וואָס איז נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט.

דאָס אויסבילדן בירעבידזשאַן אַלס א ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט איז די פאַרזעצונג, די באַקרעפטיקונג פון דער קאָנסעקווענטער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי בענוגע די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן, דאָס איז דער וויכטיקסטער רינג אין דער קייט מאָסמיטלען צו פאַרוואַנדלען זיי אין אַקטיווע בויער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

## באַפעלקערטע פונקטן און טעריטאָריע פון ראַיאָן

דער ניי־זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַלס א באַזונדער אַדמיניסטראַטיווער איינס אין נאָיאַבער 1929 יאָר, אין צוויי א האַלב יאָר נאָכדעם, ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די איבערוואַנדערונג אין דעם דאָזיקן ראַיאָן. די ערשטע 300 פאַמיליעס איבערוואַנדערער זיינען אַהערצו געקומען פריינג און זומער 1926 יאָר. בא זיין גאַנץ זיגזאַגאַרטיקער און דורכגעקרייצטער קאָנפיגוראַציע האָט דער ראַיאָן, לויט די אָנגאַבן פון 1931 יאָר, פאַרנומען א טעריטאָריע פון 453 קוואַדראַט־קילאָמעטער, אָדער 44.191 הא, פון זיי — 42.360 הא טויגבאַרע ערד. און 2.831 הא אומטויגבאַרע.

די טויגבאַרע ערד טיילט זיך ווייטער איין אָפּ:

אַקער־פייִקע פעלדער — 36.967 הא.

טאָלאָקע (פיטער־פעלדער) — 2.406

ערדן, פאַרנומענע מיט בייהויפיקע געביידעס — 657.

בייהויפיקע פאַרזיי־שעטעכן — 1898.

ביימער־פלאַנצונגען (וואַלד־פאַרטיידיקונג שעטעכן) — 75.

סעדער און וויינגערטנער — 108. איבעריקע — 249.

דער אַלגעמיינער שעטעך פונעם ראַיאָן האָט, לויט די גרופּעס ערד־באַנוצער, אין 1931 יאָר זיך געטיילט אויפן פאָלגנדיקן אופן:

12 אַלטע קאָלאָניעס — 14.124 הא.

17 איבערוואַנדערישע ייִשובֿים — 17.813 הא.

3 אוקראַיִנישע דערפער — 8.293 הא.

ערד אויסגעטיילטע פאַרן קערנער־ראַטווירט „אָזאָוו״ — 3.959 הא.

פאַר די לעצטע צוויי יאָר האָט זיך, אין פאַרבינדונג מיטן ליקווידירן 4 קליינע איבערוואַנדערישע ייִשובֿים און 1 אַלטע ייִדישע קאָלאָניע, וואָס מ'האָט זייער ערד איבערגעגעבן דעם קערנער־ראַטווירט „אָזאָוו״, די פאַנאַנדערטיילונג פונעם שעטעך לויט איינצלנע גרופּעס ייִשובֿים עטוואָס געענדערט.

ווי אַזוי עס ווערן פאַנאַנדערגעטיילט די ערד־שעטעכן און די צאָל פאַמיליעס אין יעדער ייִשובֿ באַזונדער באַווייזט די פאָלגנדיקע טאַבעלע (אָנגאַבן אָפן ערשטן יאַנוואַר 1934 יאָר).



| באַפעלקערטע פונקטן | קאָלווירט | דאָרפֿראַט | פאַמיליעס צאָל | [illegible] |
|---|---|---|---|---|
| **קאָלאָניעס** | | | | |
| 1. ניי־זלאַטאָפּאָל . . . . . . | „וואַנגאַרד״ | ניי־זלאַטאָפּאָל | 210 | 1.761 |
| 2. וועסיאָלאַיאַ . . . . . . | „ליבקנעכט״ | „ | 38 | 627 |
| 3. ראַסקאָשנאַיאַ . . . . . . | „בעזבאָזשניק״ | אָקטיאַבערפעלד | 63 | 1.093 |
| 4. פּריוטנע . . . . . . | „דזערזשינסקי״ | „ | 86 | 1.363 |
| 5. נאָוואָדאָראָזקע . . . . . | „סאָץ־דאָרף״ | „ | 129 | 1.802 |
| 6. גאָרקאַיאַ . . . . . . | „פּעטראָווסקי״ | „ | 78 | 1.142 |
| 7. קראַסנאָסעלקע . . . . . | „ר. לוקסעמבורג״ | קראַסנאָסיאָלקאָווער | 96 | 1.383 |
| 8. מעזשירעטש . . . . . . | „כאַטאַיעוויטש״ | מעזשירעטשעווער | 88 | 877 |
| 9. סלאַדקאָוואָדנאַיאַ . . . . . | „פאַבריציוס״ | סלאַדקאָוואָדנער | 104 | 1.381 |
| 10. זעליאָנאָפּאָל . . . . . . | „עמעס״ (קאָמונע) | זעליאָנאָפּאָלער | 122 | 2.540 |
| 11. באַרעזשנאַיאַ . . . . . . | „פאָסטישעוו״ (געוו. „שלאָגלער״) | „ | 98 | 678 |
| איינגאַנצן אין די אַלטע קאָלאָניעס . . . . . . . | — | — | 1·0112 | 14.647 |
| **איבערוואַנדערישע ייִשובֿים** | | | | |
| 1. ניידאָרפער באַצירק . . . . | 76 „8־טער מאַרט״ | ניידאָרפער | 70 | 2,172 |
| 2. אַרבעטער־היים א/100 . . . | רויטער־נאַס | „ | 62 | 1.197 |
| 3. אָקטיאַבער־פעלד ב/100 . . | „אָקטיאַבער״ | אָקטיאַבערפעלדער | 85 | 1.170 |
| 4. ראַטן־טאָל ק/100 . . . . | „ראַטנפויער״ | ניי־זלאַטאָפּאָלער | 33 | 600 |
| 5. מערעזשינאָ באַצירק/90 . . | א. נ. פון כ׳ סטאַלין | קראַסנאָסיאָלקאָווער | 70 | 902 |
| 6. צענטר. אָקטיאַבער סק/3 . . | „פאָרויס״ | סלאַדקאָוואָדניער | 53 | 763 |
| 7. קיגדער־פעלד סק/2 . . . | „ניי־לעבן״ | „ | 54 | 1.061 |
| 8. ראַטן־דאָרף אים א/2 . . | 10־יאָריקער יובליי פון קאָמיוג | ראַטן־דאָרפער | 72 | 1.205 |
| 9. ניי־פעלד אים א/1 . . . . | 10־יאָריקער יובליי פון „קנס״ | „ | 30 | 739 |
| 10. ראַטן־פעלד סטב/2 . . . . | „פאַריזשער־קאָמונע״ | „ | 22 | 504 |
| 11. באַצירק/105 . . . . . . | „טשובאַר״ | „ | 34 | 1.199 |
| 12. פרייַדאָרף 106 . . . . . | „רויט־פעלד״ | פריידאָרפער | 76 | 1.400 |
| 13. האָפענונג אים/3 . . . . . | „האָפענונג״ | „ | 45 | 1.012 |
| איינגאַנצן אין די איבערוואַנדערישע ייִשובֿים . . . . | — | — | 706 | 13.924 |

| באַפעלקערטע פונקטן | קאָלווירט | דאָרפראַט | צאָל פאַמיליעס | שעטעך פון ערד-באַנוץ |
|---|---|---|---|---|
| אוקראַיִנישע דערפער | | | | |
| כוטער קוצי . . . . . . . . . | „סכיד" | וואָראָשילאָווער | | |
| יעראָמאָווקע . . . . . . . . | „קאָמונאַר" | " | | |
| וואָראָשילאָווקע . . . . . . . . | „נאָווע זשיטיאַ" | " | 703 | 6.246 |
| | „טשערוואָני פּאַרטיזאַן" | " | | |
| | „פּערעמאָגאַ" | " | | |
| קאַבילנאַיאַ . . . . . . . . . . | „3-טער אינטערנאַציאָנאַל" | קאַבילאַנער | — | 2.193 |
| אינגאַנצן אין די אוקראַיִנישע דערפער . . . . . . . . . | — | — | — | 8.439 |
| אינעם דאָרפישן סעקטאָר . . . | — | — | 2·421 | 37.016 |
| אין 2 ראַטווירטן (פון זיי אין קערנער-ראַטווירט—5800) . | — | — | — | 7·907 |
| אין קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפטן | — | — | — | 504 |
| אין פאַרשיידענע אַנשטאַלטן, מ. ט. ס. און אַנדערע. . . | — | — | — | 258 |
| אינגאַנצן אין ראַיאָן . . . | — | — | — | 4.124 |

די עקספּליקאַציע פון די ערדן אינעם דאָרפישן סעקטאָר איז געווען פאַרגעשטעלט אפן פאָלגנדיקן אופן:

| | |
|---|---|
| אַקערפעלד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . | 30269 |
| ביַהויפיקע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . | 2232 |
| דערפון — גערטנער . . . . . . . . . . . . . . | 1656 |
| סעדער און וויַנגערטנער (ניט בא די הויפן) . . . . . . . . | 102 |
| גערטנער ניט בא די הויפן . . . . . . . . . . . . | 38 |
| וואַלד-שוץ פּאַסן . . . . . . . . . . . . . . . | 138 |
| שטענדיקע פּיטער-פעלדער . . . . . . . . . . . | 3067 |
| פּאַסן, וועגן און אַנדערע ניטאויסגעבאַרע ערדן . . . . . . . . | 1170 |
| אינגאַנצן . . . . . . . . . . . . . . . . . . | 38.672 הא. |
| דערפון—אַקער-ערד און ביַהויפיקער שעטעך (איַנגעשלאָסן גערטנער) . | 31963 |

8

ווי ס'איז צו זען, האָט די אַקער-ערד, איַנגעשלאָסן די ביַהויפיקע און אויסערהויפיקע גערטנער, באַטראָפן 86 פּראָצ. פונעם גאַנצן שעטעך ערד-באַנוץ. דער שעטעך, וואָס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַפ הויפן, גערעכנט אינאיינעם מיט די איבעריקע אומטויגבאַרע ערדן האָט באַטראָפן אינגאַנצן 1746 הא, אָדער 4,7%. אַפ אַזאַ אופן האָט מען געקאָנט 95,3% פונעם גאַנצן ערד-שעטעך אויסנוצן אַפ פּאַנאַנדערוויקלען די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע.

דער גאַנצער ערד-שעטעך פונעם דאָרפישן סעקטאָר איז פּאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן באַזונדערע ערד-באַנוצער אפן פאָלגנדיקן אופן:

| גרופּעס ערד-באַנוצער | שעטעך פונעם ערד-באַנוץ | % צום אַלגעמיינעם שעטעך פונעם ערד-באַנוץ | צאָל פאַמיליעס | % צו דער אַלגעמיינער צאָל פאַמיליעס | וויפל קומט אויס ערד אַפ איין קאָלווירט. פאַמ. |
|---|---|---|---|---|---|
| אַלטע יידישע קאָלאָניעס . . | 14651 | 39,6 | 1012 | 41,8 | 14,5 |
| איבערוואַנדערישע יישוווים . | 13926 | 37,6 | 706 | 29,1 | 19,7 |
| אוקראַיִנער . . . . . . . . | 8439 | 22,8 | 703 | 29,1 | 12,0 |
| אינגאַנצן . . . . . . | 37016 | 100,0 | 2421 | 100,0 | 15,3 |

אויסער דער ערד, וואָס איז אין 1926 יאָר אויסגעטיילט געוואָרן פאַר די יידישע איבערוואַנדערער אין די גרענעצן פון איצטיקן ניַיזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן, האָט מען אויך אויסגעטיילט ערד אינעם שכייניש פּאָקראָווסקער ראַיאָן. די דאָזיקע ערד איז שפּעטער ניט אריַין אין ניַיזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן.

אינגאַנצן איז אין פּאָקראָווסקער ראַיאָן געווען אָרגאַניזירט 6 יישוווים מיט א שעטעך פון 6010 הא. אין די דאָזיקע יישוווים זיַינען צום 1/1—1933 יאָר געווען 228 פאַמיליעס.

9

אפ אזא אופנ זײַנענ אינ נײַזלאָטאָפּאָלער ראַיאָנ אונ אינעם שכײנעס־דיקנ פּאָקראָווסקער ראַיאָנ געווענ אינעם באַנוצ פונ די איבערוואַנדערער 20.026 הא. צום אָנהײב פונ דער קאָלאָניזאַציע האָט מענ צוליב דעם דאָזיקנ ציל אויסגעטײלט פונעם מעלוכישנ פאָנד — 14.174 הא.

פונעם שטעטנ ערד, וועלכער איז לעבאָטכילע אויסגעטײלט געוואָרנ פאר די איבערוואַנדערער, האָט מענ שפּעטער צוגענומענ פאר די ראַטווירטנ אונ פאר אנדערע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס 4.148 הא.

ס׳איז אינטערעסאַנט די פראַגע וועגנ דעם, צו וועמענ ס׳האָט פריִער געהערט דער אָנגעוויזענער שטעטנ 24.174 הא, וואָס איז אויסגעטײלט געוואָרנ פאר דער ייִדישער איבערוואַנדערונג:

1) געוועזענער (ביז דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע) מעלוכע־פאָנד, די אזוי גערופענע, ארענדע־באַצירקנ — 5014 הא — 20,7 %.

2) געוועזענע פּריציִשע אונ באַלעבאָטישע ווירטשאַפטנ — 10.306 הא — 42,6 %.

3) ארענדע־באַצירקנ, וואָס מע האָט צוגענומענ בא די ייִדישע קאָלאָניעס ביז דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע פונ 1914 יאָר — 4.545 הא — 18,8 %.

4) ערדנ, וועלכע מע האָט צוגענומענ בא די ייִדישע קאָלאָניעס נאָכנ 1914 י. — 4.309 הא — 17,9 %.

אויסער דעם האָט זיכ נאָכ אינ 1926 יאָר ארויסגעוויזנ, אז 5 אַלטע קאָלאָניעס קאָנענ, לויט זײערע ערד־שטעטנ, ארײַננעמענ נאָכ איבערוואַנ־דערער. אונ ווידקלעכ, נאָכ אײדער מע האָט אָרגאַניזירט א פּלאַנמעסיקע קאָ־לאָניזירונג, האָבנ 5 קאָלאָניעס אינ 1926 יאָר ארײַנגענומענ בא 220 פאמי־ליעס איבערוואַנדערער.

ס׳איז גענוג בלויז א קוק צו טאָנ אפ דער קאַרטע פונ די איבער־וואַנדערישע ייִשוווים אונ זײערע ערד־כאַלאָקים, אפ דעם, אינ וואָס פאר א לאַגע זײ געפינענ זיכ בענעגײַע די ערד־שטעטנ פונ די אַלטע קאָלאָניעס, קעדײ ס׳זאָל קלאָר ווערנ די אַבסורדישקײַט פונ דער ערד־אײַנאָרדענונג אונ דיסלאָקאַציע פונ אײניקע באַפעלקערטע פונקטנ. באַם אויסטײלנ די קאָלאָניזאַציע־פאָנדנ איז מענ אינ אַלע ראַיאָנענ פונ דער ייִדישער איבער־וואַנדערונג אפ אוקראַיִנע באַגאַנגענ אײנ גרונטלעכנ אָרגאַניזאַציאָנעלנ פע־לער. אינעם דעמלטיקנ פאָלקאָמערד פונ אוקראַיִנע האָבנ געארבעט אזעלכע, איצט שוינ דעמאַסקירטע, שעדיקער, ווי רעזניקאָוו אונ אנדערע, וואָס האָבנ מיט אַלערלײ מיטלענ געזוכט צו פארקריפּלענ די לאָזונגענ פונ דער ראַטנ־מאַכט אונ פונ דער פּארטײ, אונ האָבנ געטאָנ אַלצ, קעדײ צו עפּענענ דעם וועג פאר דער אַנטוויקלונג פונ א באַלעגופישער ווירטשאַפט.

מ׳האָט ברײט בעשטיצט די באַוועגונג פונ די פארמעגלעכע שיכטנ אינ



דאָרפ זיכ צו באַזעצנ אפ כוטערס אויסערנ דאָרפ. מ׳האָט איגנאָרירט דעם פאַקט, וואָס ס׳דערנענטערט זיכ דער אַנטוויקלונג־פּעריִאָד פונ דער קאָלעקטיוויזאַציע. דער באַלעגופ אונ דער פעסטער מיטלפּויער האָבנ גע־שטרעבט אַוועק פונעם דאָרפ אינ א כוטער, קעדײ צו געפינענ זיכ וואָס ווײַטער פונעם קאָנטראָל מיצאַד דעם אָרעמפּויער. אונטער דער מאַסקע פונ ליקווידירנ די ווײַטערדיקײַט, האָבנ די דערמאָנטע טוער פונעם פאָלקאָמערד געשטיצט די דאָזיקע באַוועגונג פונ דעם פארמעגלעכנ פעסטנ שיכט פּויע־רים. מע פלעגט אַסיגנירנ קרעדיטנ אפ אריבערטראָגנ זײערע הײַזער אונ אפ בויונג. די דאָזיקע קרעדיטירונג איז געווענ אזוי אָרגאַניזירט, אז ארויס־קלײַבנ זיכ פונ דאָרפ אפ ווײַטער ערד זאָלנ קאָנענ בלויז די רײַכערע ווירטשאַפטנ. די רעזניקאָווס אונ זײער גלײַכנ האָבנ געטרוימט וועגנ דער ווײַטערדיקער פארפעסטיקונג פונ דער אינדיווידועלער שטאַרקער ווירטשאַפט, וועגנ דער אויסבילדונג פונ א פעסטנ באַלעגופישנ קערנ אינ דאָרפ. דער וווּקס אונ די פארפעסטיקונג פונעם באַלעגופישנ שיכט אינ דאָרפ האָט דאָכ געקענט דינענ אַלס אָנשפּאַר פאר די אינטערווענציאָניסטישע פּלענער פונ דער צווישנפעלקערלעכער בורזשואַזיע, פונ דער אויסלענדישער אונ אינער־לעכער קאָנטררעוואָליוציע.

די פּאַרטײ האָט דאַנ דורכגעפירט די פּאָליטיק פונ באַגרענעצנ די טענדענצנ פונעם באַלעגופ. די רעזניקאָווס האָבנ אָבער איגנאָרירט די דאָ־זיקע פּאָליטיק אונ האָבנ געשטרעבט אויסצוכאָוונ א נײַעם באַלעגופישנ שיכט אינ דאָרפ אונ צו פארפעסטיקנ דעם באַלעגופ אַלס קלאַס.

די פּראָצעסנ פונעם „פארבאַנד צו באַפרײַענ אוקראַיִנע״, (ס. וו. או.) פונ דער „פּראָמפּארטײ״ אונ אנדערע שעדיקער־אָרגאַניזאַציעס, האָבנ זײ באַוויזנ פאר דער ראַטנ־געזעלשאַפטלעכקײַט זײער גאַנצער קאָנטררעוואָליו־ציאָנערע אַנטבלויזטקײַט. ס׳איז פונ זײ אראָפּגעריסנ געוואָרנ די מאַסקע.

אינ דער זעלביקער צײַט האָט דאָס לאַנד זיכ שנעל אַנטוויקלט. די אינדוסטריע האָט דערגרײכט דעם פארמילכאָמעדיקנ ניוואָ. אונדזער יונג לאַנד האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די מעכטיקע בויונגענ פונעם ערשטנ פינפיאָר־פּלאַנ. ס׳זײַנענ שנעל געוואַקסנ די גרויסאַרטיקע אינדוסטריעלע גיגאַנטנ. די לאַנדווירטשאַפט האָט באַקומענ א מעכאַניזירטע באַזע. דער אָרעמ־אונ מיטלפּויער האָט זיכ פעסט, מיט בײדע פיס, געשטעלט אפנ וועג פונ סאָ־ציאַליסטישער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט. פונ באַגרענעצנ דעם באַלעגופ, איז די פּאַרטײ אריבער צו ליקווידירנ אים אַלס קלאַס אפ דער באַזע פונ דורכ־ויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע.

די שעדיקערישע פּאָליטיק פונ שאַפנ קלײנע ייִשוווים, ווײַטע כוטערס האָט אָבער נאָכ לאַנג זיכ געלאָזט פילנ אינ דער איבערוואַנדערונג־ארבעט. אַלס געוועזענע סטאַטישע אײַנוווינער האָבנ די נײַע איבערוואַנדערער לײַכ־

טער געקאָנט זיכ פעסט באזעצנ אפ דער ערד, ווענ זיי וואָלטנ פונ אָנהייב אָנ ארײַנגעפאלנ אינ גרעסערע, מער באפעלקערטע פונקטנ. די ערד־אײַנאָרדענונג אפ קליינע ייִשווים האָט פארשווערט דאָס באדינענ די קולטור־שטייגערישע נויטנ פונ די איבערוואנדערער. דער ווײַטערדיקער גאנג פונ די געשעענישנ האָט באוויזנ, אז דער אָפּפלוס פונ די איבערוואנדערער איז אינ גרעסטנ טייל געגאנגענ אפנ כעזשבנ פונ די קליינע ייִשווים. ווענ עס זײַנענ שוינ אָרגאניזירט געוואָרנ ראיאָנענ אונ ס׳האָט זיכ שארפ אוועקגעשטעלט די פראגע פונ אָרגאניזאציאָנעל-ווירטשאפטלעכנ פארפעסטיקנ די קאָלווירטנ איז אנטשטאנענ א נײַע אופגאבע — ליקווידירנ אייניקע קליינע ייִשווים אונ אריבערפירנ זייער באפעלקערונג אינ גרעסערע, געדיכטער באפעלקערטע פונקטנ.

אזא לאגע איז געווענ אינ אלע ייִדישע ראיאָנענ אפ אוקראינע. די ערד־אײַנאָרדענונג אפ קליינע ייִשווים האָט זייער טײַער געקאָסט דער ייִדישער איבערוואנדערונג. אויכ אינ נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ זײַנענ פאר די לעצטע דרײַ—פיר יאָר ליקווידירט געוואָרנ עטלעכע ייִשווים, אונ די באפעלקערונג איז אריבערגעפאָרנ אינ אנדערע שכיינישע, גרעסערע ייִשווים.

לאָמיר א קוק טאָנ, וויאזוי זײַנענ פאנאנדערגעטיילט די איבערוואנדערישע ייִשווים אינ נײַזלאָטאָפּאָלער ראיאָנ. ס׳וועט זײַנ לײַכט זיכ צו איבערצײַגנ אפ וויפל פּאָשעטער אונ ראציאָנעלער מע וואָלט געקאָנט אײַנאָרדענענ די איבערוואנדערער אינעם נײַעמ פאר זיי ארבעט־געביט, ווענ מע וואָלט דאנ ניט געשטרעבט צו האלטנ זיכ בא דער בארימטער אײַנשטעלונג פונעם דעמלטיקנ פּאָלקאָמערד אינ אוקראינע וועגנ דער אָפּטימאלקײַט פונ 50—60 הויפנ פאר א ייִשעוו. בא דער איבערוואנדערונג פלעגט מענ אָפטמאָל ניט אָפּהיטנ אפילע דעם דאָזיקנ אָפּטימום אונ נאָכ מער פארקלענערנ די צאָל הויפנ אינ א ייִשעוו. אלס קריטערי אפ צו באשטימענ די גרויס פונעם ייִשעוו פלעגט דינענ די גרייס פונעם אויסגעטיילטנ ערד-באצירק. די דאָזיקע ערד־באצירקנ זײַנענ אָבער געווענ אײַנגעקלאמערט צווישנ די אלטע קאָלאָניעס. אָט די אלטע קאָלאָניעס האָבנ שטארק געליטנ אינ דער צײַט פונ בירגער־קריג פונעם באנדיטיזם. זיי וואָלטנ דעריבער לײַכט אײַנגעגאנגענ אפ ארײַנעמענ נײַע איבערוואנדערער אונ אזוי ארום געשאפנ אייניהײַטלעכע גרעסערע, געדיכט־באפעלקערטע פונקטנ, ווענ די אָרגאניזאטערס פונ דער איבערוואנדערונג וואָלטנ פאר זיי די דאָזיקע פראגע געשטעלט. די לאגע, ווי געזאָגט, איז אָבער דאנ געווענ אזא, אז די איינצלנע אָנפירער פונ דער איבערוואנדערונג-באוועגונג, וואָס האָבנ די דאָזיקע פראגע יאָ געשטעלט, האָבנ ניט נאָר ניט געפונענ קיינ שטיצע אינ די ערד-אָרגאנענ, נאָר פארקערט, זיי פלעגנ זיכ אָנשטויסנ אפ אנ אָרגאניזירטנ ווידערשטאנד. אזוי ארום זײַנענ אפ די ייִדישע פאָנדנ אויסגעוואקסנ קאר־



ליקאָווע ייִשווים צו 25—30—55 הויפנ. פלעגט אויסקומענ צו פאטערנ גרויסע סומענ אפ באוואסערונג, אפ בויונג פונ שולנ אינ יעדער באזונדערנ ייִשעוו. אָפט פלעגנ זיי בלײַבנ גאָר אָנ א שול, אָנ א קאָאָפּעראטיוו, אָנ א באָד, אָנ א קלוב, אָנ א מעדפּונקט אונ אנדערע געזעלשאפטלעכ־שטייגערישע אנשטאלטנ.

אפ די 24.175 הא, וואָס מע האָט לעכאטכילע אויסגעטיילט פאר די איבערוואנדערער, האָט מענ געהאט פּראָיעקטירט אײַנצואָרדענענ 1.381 פאמיליעס. דאָס האָט אינ דורכשניט אויסגעמאכט אפ יעדער פאמיליע צו 17,5 הא ערד, דערפונ 16,5 הא טויגבארע. אראָפּרעכענענדיק איינ הא אפ א הויפ, אפ פאשע אונ אפ בוימ-פלאנצונגענ, איז אויסגעקומענ פאר איינ פאמיליע צו 13 הא אקער-פעלד.

דער באצירק א/100 (איצט קאָלווירט „רויטער פויער“) פארמאָגט 67 ערד-כאלאָקימ אונ געפינט זיכ אינגאנצנ 2—3 קילאָמעטער פונ דער אלטער קאָלאָניע „נאָוואָדאראָווקע“. די ערדנ פונעמ קאָלווירט אונ פונ דער קאָלאָניע גרענעצנ צווישנ זיכ. ס׳וואָלט געווענ צוועקמעסיקער אויסצוטײלנ די הויפנ פאר די איבערוואנדערער לעבנ דער קאָלאָניע, קעדיי צו שאפנ א באפעלקערטנ פונקט פונ 180—200 הויפנ.

דער ייִשעוו ב/100 (קאָלווירט „אָקטיאבער“) מיט 66 ערד-כאלאָקימ איז אָרגאניזירט געוואָרנ אָנדערהאלבנ קילאָמעטער ווײַט פונ דער אלטער קאָלאָניע „גאָרקי“. אינ דער קאָלאָניע גופע זײַנענ צומ אָנהייב פונ דער איבערוואנדערונג די הויפנ געשטאנענ פוסטע, ווײַל א העלפט באפעלקערונג איז בייסנ בירגער-קריג פארניכטעט געוואָרנ פונ מאכנאָס באנדעס. דעמ ייִשעוו ו/100 (קאָלווירט „ראטנ־ערד“) מיט 35 ערד־כאלאָקימ האָט מענ געבויט צוויי קילאָמעטער ווײַט פונ דער האלב-רויִנירטער קאָלאָניע „וועסיאָליע“, וואָס האָט פארמאָגט אינגאנצנ 38 הויפנ. אויכ דאָ האָט מענ זיכ ניט דערטראכט אויסצובויענ איינעמ, א גרעסערנ ייִשעוו פונ 70—75 הויפנ. דער באצירק סק/2 האָט פארמאָגט 53 ערד־כאלאָקימ אונ איז געווענ געבויט 2 קילאָמעטער ווײַט פונ דער שכיינישער אלטער קאָלאָניע סלאדקאָוואָדנאיא, וואָס האָט זיכ געפונענ אויכ אינ אזא לאגע ווי די אויבנ דערמאָנטע. קעדיי צו באזאָרגנ דעמ איבערוואנדערער־באצירק מיט וואסער האָט מענ געדארפט בויענ א ברונעמ, אינ דער צײַט ווענ אינ סלאדקאָוואָדנאיא איז פאראנ אויסגעצייכנט גוט וואסער אינ יעדנ הויפ.

דאָ אינ דער נאָענט געפינט זיכ אויכ דער איבערוואנדערישער באצירק סק/1 (ער איז שפּעטער ליקווידירט געוואָרנ), וועלכער איז געווענ אויסגערעכנט אפ 40 ערד־כאלאָקימ. דער דאָזיקער מאסיוו געפינט זיכ $1\frac{1}{2}$ קילאָמעטער פונ דער אלטער קאָלאָניע זעליאָנאָפּאָל, ווו ס׳איז דאָ א זיבניאָריקע שול, א באָד, א מעדפּונקט, א קלוב אאוו. די איבערוואנדערער,

וואָס האָבנ זיכ לעכאַטשילע באַזעצט אַפּנ באַצירק 1/סק האָבנ מיט דרײַ-פיר יאָר שפּעטער פאַרלאָזט דעם יישעוו דערפאַר, ווײַל מ'האָט זייער ערד אויסגעטיילט פאַר א ראַטווירט.

דעם יישעוו, וועלכער איז אויסגערעכנט אַפּ 50 פאַמיליעס, האָט מענ געבויט אַפּ א מעהאַלעכ פונ $1\frac{1}{2}$ קילאָמעטער פונ דער קאָלאָניע נײַזלאַטאָפּאָל. מע קאָנ מיט זיכערקײַט זאָגנ, אַז ווענ מע וואָלט די הויפנ געבויט נעענטער צו די קאָלאָניעס, וואָלטנ די איבערוואַנדערער זיכ דאָרטנ פעסט באַזעצט.

אונ, ענדלעכ, שוינ ניט גערעדט וועגנ דער פאַרייניקונג פונ די איבערוואַנדערישע יישעווימ מיט די אַלטע קאָלאָניעס, האָט מענ זיי, די יישעווימ, אומעטומ געבויט אַפּ א מעהאַלעכ פונ 1—1,5—3 קילאָמעטער אײנער פונעם אַנדערנ, דערבײַ איז יעדער יישעוו באַשטאַנענ פונ 40—50 הויפנ. ס'איז פאַרשטענדלעכ, אָנ באַזונדערע דערקלערונגענ, אַפּ וויפל בעסער אונ באַקוועמער ס'וואָלט געווענ צו פאַרייניקנ זיי אַפּ איינ מאַסיוו, אינ איינ גרויסנ יישעוו.

שפּעטער ווענ ס'איז שוינ באַשײַנפּערלעכ קלאָר געוואָרנ, אַז די האַנט פונעם קלאַסנ־סוינע האָט געצייכנט די פּלענער פונ צעבראָקלטע קאַרליקאָווע יישעווימלעכ, האָט מענ געפּרווט דורכנ צונויפגיסנ די יישעווימ פאַריכטנ די באַגאַנגענע פעלערנ. דורכפירנ דאָס אינ א פולער מאָס האָט זיכ נאָכ ניט אומעטומ אײַנגעגעבנ.

אויכ איצט שטייט נאָכ פאַרנ ראַיאָנ די אויפגאַבע צו באַזעצנ יענע איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ, וועלכע זײַנענ ניט אינגאַנצנ קאָמפּלעקטירט. אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פונ פּיצוכט אונ פונ די אינטענסיווע קולטורנ, האָבנ נאָכ א ריי קאָלווירטנ אונ אַלטע קאָלאָניעס א מעגלעכקײַט אַרײַנצונעמענ נײַע איבערוואַנדערער.

ווענ מיר רײדנ וועגנ באַזעצנ מיט נײַע איבערוואַנדערער א ריי קאָלווירטנ פונעם ראַיאָנ, האָבנ מיר אינ זינענ א פּלאַנמעסיקע אײַנאָרדענונג, בעשום אויפנ ניט קיינ סטיכייִשע. די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס זײַנענ אינ 1934 יאָר באַגאַנגענ א פעלער דערמיט, וואָס זיי האָבנ דערלאָזט, אַז די איבערוואַנדערונג אינ אייניקע קאָלווירטנ זאָל פאָרקומענ אַפּ א צופעליקנ, ניט פּלאַנמעסיקנ אויפנ. אינ רעזולטאַט דערפונ זײַנענ אינ אייניקע קאָלווירטנ אַרײַנגעקראָכנ אַנטבאַלעגופּעוועטע עלעמענטנ פונ אַנדערע דערפער. אינ אייניקע קאָלווירטנ האָט זיכ אויסגעבילדעט א בונטער נאַציאָנאַלער באַשטאַנד. די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס האָבנ אָנערקענט זייער פעלער. מע דאַרפ דעם דאָזיקנ פעלער דיסקאָנטירנ באַם אויסאַרבעטנ די פּלענער אַפּ די נאָענטסטע יאָרנ, ווײַל דעם ראַיאָנ וועט נאָכ אויסקומענ דורכצופירנ א גרויסע אַרבעט אינ פראַט פונ באַזעצנ א ריי קאָלווירטנ מיט נײַע איבערוואַנדערער.



## די נאַטור־געשיכטלעכע אונ עקאָנאָמישע באַדינגונגענ פונעם ראַיאָנ

דער רעליעפ פונעם ראַיאָנ טראָגט א פלאַכנ, סטעפּישנ, עטוואָס כוואַליעאַרטיקנ כאַראַקטער. די הייכ איבערנ ניוואָ פונ יאַם — בא 160 מעטער. דער סטעפּ איז דורכגעשניטנ, מיט אָפטע רויענ, וועלכע ווערנ אָנגעפילט מיט וואַסער אינ פרילינג אונ טריקענענ אויס אינ די זומער־כאָדאָשימ.

אינ אייניקע יישעווימ (מעזשירעטש, סלאַדקאָוואָדנאַיאַ, זעליאָנאָפּאָל, וואָראָשילאָווקע, גאָרקי, אָקטיאַבער אונ אַנדערע), וואָס געפינענ זיכ לעבנ די רויענ, שפּרייטנ זיכ לענגאויס די דאָזיקע רויענ טאָלנ מיט א טיפנ פעטנ שוואַרצערד אונ זייער גוטנ וואַסער, 7—8 מעטער טיפ אונטער דער ערד. אָבער אינ א באַדײַטנדיקנ טייל פונקטנ פונעם ראַיאָנ איז דאָס וואַסער, וואָס געפינט זיכ אַפּ דער זעלבער טיפ, געזאַלצנ אונ טויג ניט צום טרינקענ, ניט נאָר פאַר מענטשנ, נאָר אַפילע פאַרנ פי.

אינ 11 פונקטנ זײַנענ פאַראַנ סאַזשלקעס מיט אַנ אַלגעמײנעמ שטעטכ פונ 20 האַ. זיי זײַנענ באַשיצט מיט הרעבליעס אונ טריקענענ קיינמאָל ניט אויס. אינ מעשעכ פונ 7—8 כאַדאָשימ אינ יאָר דינענ זיי הויפּטזעכלעכ צו פויענ די פי. אינ פונקטנ מיט ניט קיינ גוטנ, אויבערשטנ וואַסער פלעגט מענ ביז די לעצטע יאָרנ ברענגענ גוט וואַסער פונ די סטעפּ־ברונעמס. אָנגעהויבנ פונ 1926 יאָר, פונ דער צײַט, ווענ מע האָט אָנגעהויבנ פירנ א סיסטעמאַטישע איבערוואַנדערונג־אַרבעט, אונ אינ אייניקע קאָלאָניעס (נײַזלאַטאָפּאָל, קראַסנאָסעלקע) נאָכ פריִער, איז מענ צוגעטראָטנ צום בויענ בויער־ברונעמס אַפּ א טיפ פונ 60 ביז 100 מעטער. אינ ראַיאָנ זײַנענ איצט פאַראַנ 12 אַזוינע ברונעמס. זיי זײַנענ אויסגעשטאַט מיט פּאָמפּעס אונ וואַסער־בודקעס. אינ 1932 יאָר האָט דער פאָלקאָמערד פונ אוקראַינע אַרויסגעגעבנ דעמ ראַיאָנ א סומע געלט אַפּ אײַנצושטעלנ ווינט־באַוועגערס, קעדיי צו מעכאַניזירנ דאָס דערלאַנגענ וואַסער פונ די בויער־ברונעמס. מע האָט אײַנגעקויפט צענ ווינט-באַוועגערס. אָבער דער ראַיאָנ האָט נאָכ ביז איצט ניט באַוויזנ אײַנצושטעלנ די באַוועגערס אונ לאָזנ זיי אינ גאַנג. אינ אייניקע פונקטנ איז אָבער דער סכום וואַסער, וואָס מע באַקומט פונ די בויער־ברונעמס, קוים אימשטאַנד צו באַפרידיקנ דעמ טאָגטעגלעכנ געברויכ פונ דער באַפעלקערונג. אונ באַם ווײַטערדיקנ וווּקס פונ דער פי־סטאַדע אינ די קאָלווירטישע מילכ-פערמעס — וועט אויסקומענ צו לייגנ נײַע הויצאָעס אַפּ וואַסער-באַזאָרגונג. דער ראַיאָנ פאַרמאָגט אַפּ די פלײנענ א גאַנצ מעכטיקנ באָדנ-שיכט שוואַרצערד — 35—45 סאַנטימעטער די טיפ, וואָס אַנטהאַלט אינ זיכ פונ 4 ביז 6 פּראָצ. הומוס. דער שוואַרצערד־

שיכט איז גרעסער אינ די טאָלנ אונ שטעלט מיט זיכ פאָר אויסגעלייגטע קאמענ אפ בארג-אָפּנייגנ אונ וואסער-שיידנ. ווו ניט ווו טרעפט זיכ ניט קיינ גרויסע פעלדער זאלצ-באָדנ. דער באָדנ פונ ראיאָנ פארמאָגט א מער צעשטויבטנ אויבערשט האָריזאָנט אונ א גרויסקערנדיקנ בוי פונעמ גרונטלעכנ אקער-שיכט. דער אונטערבאָדנ איז א ליימיקער ליאָס אונ צו-ליב דעמ בילדעט ער, לויט זײַנ מעכאנישנ באשטאנד, א שווערנ ליימ-זאמד.

מיר גייענ אריבער צו דער כאראקטעריסטיק פונעמ קלימאט אינ ראַ-יאָנ. לויט די אָנגאבנ פונ דער אלעקסאנדראָ-גניעדישער לאנדווירטשאפט-לעכער שול (דאָרפ פּאָראָווסקאָיע — 45 קילאָמעטער פונעמ ראיאָנעמ צענטער) צונויפגעשטעלטע אפנ גרונט פונ 30 יאָריקער טעמפעראטור-באָבאכטונגענ, זײַנענ די דורכשניטלעכע כוידעש-טעמפעראטורנ אזוינע:

| כאדאָשימ | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| טעמפעראטור . | — 4,9 | — 6,9 | — 0,1 | + 9,0 | + 17,1 | + 20,4 |

(א י נ   ג ר א ד ו ס נ   ל ו י ט   צ ע ל ס י)

| 7 | 8 | 9 | 10 | 11 | 12 |
|---|---|---|---|---|---|
| + 24,5 | + 21,5 | + 16,8 | + 3,7 | — 3,2 | — 3,9 |

די וואקלונגענ-אמפּליטודע פונ דער טעמפעראטור באווארנט דאָס פּולע רײַפּ ווערנ פונ די ברויטנ אונ פונ די ווינטערויבנ.

דער וועגעטאציע-פעריאָד פאר באזונדערע פעלד-קולטורנ דויערט:

| | |
|---|---|
| פאר ווינטער-ווייצ . . . . . . . . . . . . . | 310 טעג |
| פאר ווינטער-קאָרנ . . . . . . . . . . . . . | 300 " |
| פאר זומער-ווייצ . . . . . . . . . . . . . | 103 " |
| פאר גערשטנ . . . . . . . . . . . . . | 102 " |
| פאר האָבער . . . . . . . . . . . . . | 109 " |
| פאר קוקורוזע . . . . . . . . . . . . . | 150 " |



פונ די ביידע טאבעלעס איז צו זענ, אז די דורכשניטלעכע יערלעכע טעמפעראטור אינעמ ראיאָנ איז גינסטיק ניט נאָר צו אופהאָדעווענ פעלד-קולטורנ (ווייצ, גערשטנ, האָבער אונ דאָסגלײַכנ), נאָר אויכ פאר ווײַנטרויבנ אונ אנדערע דאָרעמדיקע קולטורנ. דער ראיאָנ איז אָבער ניט געזיכערט פונ טריקעניש, וואָס ווערט מערסטנטייל ארויסגערופנ דורכ די טרוקענע הייסע ווינטנ (סוכאָווייִ).

באזונדער שעדלעכ זײַנענ די סוכאָווייענ אינ יונ, אינעמ פעריאָד פונ דער מילכיקער צײַטיקײַט פונ די ברויטנ. שלעכט ווירקנ אויכ די פרעסט אינעמ לעצטנ ווינטער-פעריאָד, באזונדערס ווענ דער שניי-צודעק איז ניט גענוג טיפ. אינ דורכשניט דערגרייכט ער ביז 10 סאנטימעטער אפ גלײַכע האָריזאָנטנ פונעמ מאסיוו.

די סאזשלקעס ווערנ פארפרוירנ אינ אָנהייב, אונ אינ באזונדערע יאָרנ, אינמיטנ דעקאבער. דער זומער-פארזיי הייבט זיכ אָנ אינ גרעסטנ טייל אינעמ פעריאָד פונ 24-טנ מארט ביזנ 1-טנ אפרעל. עס זײַנענ געווענ וואַק-לונגענ אינ דער פארזיי-צײַט (פונ 10 מארט ביז 20 אפרעל).

ווי עס איז צו זענ פונ די מאטעריאַלנ, וואָס זײַנענ געמאכט אפנ גרונט פונ 33-יאָריקע באאָבאכטונגענ פונ דער זעלביקער אלעקסאנדראָ-גניעדינער אגראָ-שול, האָט די דורכשניטלעכע צאָל פונ די יערלעכע אטמאָספע-רישע אָפּזאצנ באטראָפנ 405 מילימעטער מיט פאָלגנדיקער פאנאנדערטיילונג לויט כאדאָשימ:

| כאדאָשימ | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| צאָל אָפּזאצנ אינ מ/מ . . . | 17,2 | 15,3 | 22,3 | 25,9 | 45,5 | 68,8 |

| 7 | 8 | 9 | 10 | 11 | 12 | פארנ יאָר |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 53,3 | 42,3 | 35,5 | 32,6 | 21,2 | 25,2 | 405,1 |

פארשטענדלעכ, אז אינ די יאָרנ ווענ די צאָל אָפּזאצנ דערנעענטערט זיכ צו דעמ דאָזיקנ דורכשניט, זײַנענ די גערעטענישנ דורכשניטלעכע אונ העכער ווי דורכשניטלעכע.

בא 140 מילימעטער אטמאָספערישע אָפּזאצנ פאר די כאדאָשימ אפּרעל, מײַ אונ יונ הענגט אָפּ די גרייס פונ דער זומערדיקער גערעטעניש פונ דעמ, וויפל פײַכטקײַט עס האָט זיכ אָנגעזאמלט אינ באָדנ בייס די הארבס-טיקע אונ ווינטערדיקע אָפּזאצנ. דאָס שטעלט באזונדער שארפ די פראגע וועגנ אָנווענדנ פריר־אקער, ווי זייער א וויכטיקנ אגראָ-טעכנישנ מאָסמיטל אפּ צו העכערנ די גערעטעניש פונ די זומער-טווועס. צוליבנ צעשניטענעמ רעליעפ אונ אָפּענעמ כאראקטער פונעמ סטעפּ דארפ מענ א באזונדער אכט לייגנ אפּ פארהאלטנ דעמ שניי. ביז הײַנטיקנ טאָג ווערט נאָכ דער דאָזי־קער מאָסמיטל ניט גענוג אויסגענוצט.

בא 210 מ/מ אטמאָספערישע אָפּזאצנ אינ די כאדאָשימ מײַ—אווגוסט, קאָנ מענ, אינ די באָדנ־אונ טעמפּעראטור-באדינגונגענ פונעמ ראיאָנ, דער־גרייכנ א רעקאָרד-גערעטעניש אפּ ריינעמ פרײַקנ שווארצברוכ. די פּרימי־טיווע אגראָ-טעכניק, צעשפּליטערטקײַט פונ די אינדיווידועלע ווירטשאפטנ, דער באדײַטנדיקער פּראָצענט ווירטשאפטנ אָנ פערד אונ אָנ לאנדווירטשאפט-לעכנ אינווענטאר, האָבנ אינ דער פארגאנגענהײַט, ניט געקאָנט זיכערנ קיינ הויכע גערעטענישנ. דעריבער האָט דער ראיאָנ אינ מעשעכ פונ צענדליקער יאָרנ, געליטנ פונ ניט שטאנדהאפטיקע גערעטענישנ. ערשט אינ די לעצטע יאָרנ האָט זיכ, באגלײַכ מיטנ פארגרעסערנ דעמ קלינ ווינטער-טוווע, מיטנ אויסטיילנ ריינעמ שווארצברוכ, באזונדערס פארגרעסערט די גערעטעניש פונ קערנער-קולטורנ, צווישנ וועלכע ווינטער-ווייצ פארנעמט א פּרעוואליר־דיקנ אָרט.

די געבראכטע צאָל אטמאָספערישע אָפּזאצנ אונ זייער פארטיילונג לויט די כאדאָשימ זיכערט אויכ א גאנצ הויכע גערעטעניש פונ קוקורוזע אונ זונענ-רויזנ. אינ באזונדערע יאָרנ (1925) האָט די גערעטעניש פונ קוקורוזע אפּ די גוט באארבעטע באצירקנ דערגרייכט ביז 50 אונ מערער צענטנערס פונ א הא. אויכ פונ די זונענ-רויזנ-פעלדער, וואָס זײַנענ ניט אָנגעשטעקט מיט דער זאראזיכע[1] נעמט מענ אראָפּ ביז 14—15 צענטנער קערלעכ פונ יעדער הא. אָבער אינ די לעצטע יאָרנ האָט די זונענ-רויזנ שטארק געשע־דיקט די זאראזיכע.

א פאָרשטעלונג וועגנ דער דורכשניטלעכער גרייס פונ די גערעטענישנ פאר 30 יאָר צײַט (1898—1928) גיבנ די אָנגאבנ פונ דער אגראָ-שול אינ פּאָקראָווסק. צוגלײַכ דערמיט ברענגענ מיר די אָנגאבנ וועגנ דער דורכ־שניטלעכער גערעטעניש פאר די לעצטע 4 יאָר אינ שכײַנישנ פּאָקראָווסקער ראיאָנ אפּ די דאָרפישע ערדנ (די צאָל צענטנערס פונ איינ הא).

1 א פּאראזיטאריש געוויקס, וואָס געפינט זיכ אינ די וואָרצלענ פונ די זונענ-רויזנ אונ שע־דיקט זיי שטארק.



| קולטורנ | אינ דער לאנדווירט-שול (אינ דורכשניט פאר 30 יאָר) | אינ פּאָקראָווסקער ראיאָנ (אינ דורכשניט פאר 4 יאָר) |
|---|---|---|
| ווינטער־ווייצ . . . . . . . . . | 13,6 | 10,9 |
| קאָרנ . . . . . . . . . . . | 11,7 | 6,5 |
| זומער־ווייצ . . . . . . . . . | 6,7 | 5,2 |
| גערשטנ . . . . . . . . . . | 10,3 | 8,1 |
| האָבער . . . . . . . . . . | 5,0 | 8,0 |
| קוקורוזע . . . . . . . . . | 19,8 | 11,4 |
| זונענ־רויזנ . . . . . . . . . | 7,5 | 5,8 |

די גערעטעניש אינ נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ, אינ זײַנע איצטיקע גרע־נעצנ, איז געווענ אינ דורכשניט פאר די 5 יאָר 1626—1930 אונ אינ די יאָרנ 1931, 1932, 1933 א פאָלגנדיקע: (צענטנערס פונ 1 הא).

| קולטורנ | אינ דורכשניט פאר 5 יאָר 1926—1930 | 1931 | 1932 | 1933 |
|---|---|---|---|---|
| ווינטער־ווייצ . . . . . . . . . . . . . | 8,0 | 13,0 | 4,3 | 6,3 |
| ווינטער־קאָרנ . . . . . . . . . . . . | 8,0 | 7,7 | 7,0 | 4,9 |
| זומער־ווייצ . . . . . . . . . . . . . | 3,1 | 3,2 | 5,7 | 8,0 |
| גערשטנ . . . . . . . . . . . . . . | 6,0 | 6,2 | 7,6 | 11,3 |
| האָבער . . . . . . . . . . . . . . | 5,5 | 4,0 | 10,5 | 11,8 |
| קוקורוזע . . . . . . . . . . . . . | 11,0 | 12,5 | 11,7 | 14,3 |
| זונענ־רויזנ . . . . . . . . . . . . . | — | 4,0 | 5,2 | 3,3 |
| פּראָסע . . . . . . . . . . . . . . | — | 3,5 | 8,0 | 8,6 |
| דורכשניטלעכע גערעטעניש פונ די קערנער־קולטורנ . . . . . . . . . . . . . | — | 8,5 | 6,6 | 8,9 |

דער בעסטער מיטל צו העכערן די גערעטעניש אין די באַדינגונגען פונעם ראַיאָן איז ראַציאָנעל באַאַרבעטן די ערד, שנעל דורכפירן דעם פּאַרזיי און אויסקלייבן די פּאַסיקע סאָרטן זריע. אויפן יסוד פון פיליאָריקע אָנגאַבן קאָן מען מאַכן אַן אויספיר, אַז די ווינטערדיקע ברויטן, באַזונדערס ווינטער־ווייץ, פּאַסן פאַרן ראַיאָן פיל בעסער איידער די זומערדיקע ברויטן, באַזונדערס זומער־ווייץ, וואָס ליידט שטאַרק פון די הייסע טרוקענע ווינטן (סוכאָוויי). מיט אַ גאָר הויכער גערעטעניש צייכנט זיך אויס צווישן די זומערדיקע קערנער־קולטורן — גערשטן, וואָס גיט ניט זעלטן אַ גערעטעניש ביז 20 — 25 צענטנער פון איין העקטאַר. אָבער אויך די זומער־ווייץ קאָן געבן אַ גערעטעניש פון 11—12 צענטנער פון איין העקטאַר, אויב מע זאָל פּינקטלעך אויספילן די פּלענער פון פריר־אַקער, וואָס גיט אַ מעגלעכקייט אין אַ קורצן טערמין דורכפירן דעם פרייִקן פרילינג־פּאַרזיי.

די ווינטער־ווייץ, אויף פרייִקן ריינעם שוואַרצבראָך, קאָן געבן רעקאָרד־גערעטענישן — 25—30 צענטנער פון איין העקטאַר. די נידעריקע גערעטענישן פון די ווינטער־קולטורן אין 1932 און אין 1923 יאָרן באַווייזן, אַז מע האָט, ערשטנס, ניט צו דער צייט אויפגעאַקערט דעם שוואַרצבראָך און, צווייטנס, אַז די קוואַליטעט פון באַאַרבעטן דעם שוואַרצבראָך אין משך פון זומער איז געווען זייער אַ נידעריקע. ס׳טרעפן זיך ווינטערס מיט ווייניק שנייען און גרויסע פרעסט. ווען אין די זעקסע יאָרן בלייבט דער אַקער־שיכט פון האַרבסט שטאַרק פייכט, ווערט אויפן באָדן געשאַפן אַן אייזקאָרע, וואָס שעדיקט גאַנץ אָפט דעם ווינטער־ווייץ. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזעלכע יאָרן קאָן די גערעטעניש שטאַרק פאַרקלענערט ווערן. טיף אויפאַקערן דעם שוואַרצבראָך, צו דער צייט דורכפירן דעם פּאַרזיי, אָנעמען מיטלען אויף צו פאַרהאַלטן דעם שניי, און זייען אַזעלכע סאָרטן זריע, וואָס טראָגן בעסער אַריבער דעם ווינטער, אָט זיינען די מיטלען, וואָס קאָנען באַוואָרענען אַ גוטע גערעטעניש פון ווינטער־טוווע אַפילו אין אַזעלכע יאָרן.

ס׳איז קעדיי זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע וועגן די גאַנץ הויכע גערעטענישן פון קוקורוזע, וואָס מיר האָבן אין ראַיאָן.

אונדז זיינען באַוווּסט אַסאַך פאַלן פון נייִזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן, ווען מע האָט אין משך פון די לעצטע 10—12 יאָר, פון די גוט באַאַרבעטע באַצירקן אַראָפּגענומען 50—60 און אַפילו ביז 70 צענטנער קוקורוזע, פון איין הא. די דורכשניטלעכע גערעטעניש פון קוקורוזע פאַר 30 יאָר מאַכט אויס 19,8 צענטנער פון העקטאַר. דאָס באַווייזט, וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן מע קאָן דערגרייכן באַ גוטן באַאַרבעטן די ערד און ריכטיק אויסוויילן די סאָרטן זריע. אַפילו אין 1933 יאָר האָט די גערעטעניש פון קוקורוזע אינעם ראַיאָן אין דורכשניט דער־



גרייכט ביז 14,3 צענטנער פונעם הא. אין איינצלנע קאָלווירטן זיינען אָבער די דאָזיקע ציפער באַדייטנדיק גרעסער.

אַזוי, למשל, האָט אינעם איבערוואַנדערישן קאָלווירט אויפן נאָמען פון כ׳ סטאַלינס די גערעטעניש פון קוקורוזע דערגרייכט ביז 14 צענטנער פון איין הא.

אינעם קאָלאָניסטישן קאָלווירט אויפן נאָמען פון כ׳ פּעטראָווסקי — 17 צענ.
„ „ „ „ ראָזע ליוקסעמבורג — 20 „
„ „ „ „ כ׳ דזערזשינסקי — 17 „

די נידעריקע גערעטעניש פון זונען־רויזן פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר דערקלערט זיך, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, מיט דער פאַרשפּרייטונג פון זאַראַזיכע. קעמפן קעגן דער זאַראַזיכע דאַרף מען דורך זייען סאָרטן, וואָס האָבן ניט קיין מוירע פאַר איר, דורך פאַרפעסטיקן די ריכטיקע זיי־פאַרקערן.

די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען, וואָס דער ראַיאָן, ווי דאָס גאַנצע לאַנד, האָט פאַר די לעצטע יאָרן זיכערן אַ סיסטעמאַטישן וווּקס פון דער גערעטעניש אויף די קאָלווירטישע פעלדער. די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע, דאָס איינפירן אַ ריינעם סאָרט ווייץ קימאַט איבערן גאַנצן מאַסיוו פונעם ראַיאָן, די הויכע מאַשין־טעכניק, די נייע מעטאָדן פון אַרבעט און די אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעכע פאַרפעסטיקונג פון די קאָלווירטן גיבן די זיכערקייט, אַז די פרוכטבאַרע פעלדער פון דעם ראַיאָן וועלן געבן נאָך ניט געזעענע גערעטענישן.

אויף דער באַזע פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע איז ליקווידירט געוואָרן די בונטפעלדיקייט. ס׳ווערט איינגעפירט און פאַרפעסטיקט דער ראַציאָנעלער זיי־פאַרקער, עס ווערט אויסגעטיילט אַ גענוגנדיקער שטעטעך פאַר סילאָס און פאַר אַנדערע פיטער־קולטורן. אויף דער באַזע פון שאַפן פעסטע פיטער־רעסורסן, אַנטוויקלט זיך די פיצוכט אויף נייע יסודעס.

אין ראַיאָן זיינען שוין איצט פאַראַן 17 סכוירעדיקע מילך־פערמעס מיט 2.290 שטיק פי, דערין 997 קי. עס פונקציאָנירן 6 קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען אויף פּראָדוצירן קעז (האָלענדישע און באָקשטיין) און פוטער. די סטאַדע גרויס־האָרן־פי באַשטייט אויף 60—70 פּראָצענט פון דער רויט־דייטשישער ראַסע.

פאַר די לעצטע יאָרן האָט זיך אויך באַדייטנדיק אַנטוויקלט די כאַזיירימצוכט, באַגלייך מיט די כאַזיירים, וואָס געפינען זיך אין אינדיווידועלן נעבראוך פון די קאָלווירטניקעס, זיינען אין ראַיאָן פאַראַן 8 כאַזיירימציכטלערישע פערמעס, מיט אַ סטאַדע פון 1.566 כאַזיירים, דערין 343 כאַזיירים־מוטערס. אויך אויפעס־צוכט הערט אויף צו זיין דער סאַמע אָפּגעשטאַנענער געביט. אין 2—3 קאָלווירטן זיינען אויך פאַראַן גרויסע בינשטאָקן. פון 1928 יאָר האָט אין ראַיאָן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען ווייַנ־

גערטנערײַ. די קאָלווירטן פון נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָן, וואָס זײַנען צוגעטראָטן צו א ברייטער אנטוויקלונג פון אינדוסטריעלער ווײַנגערטנערײַ, זײַנען פּיאָנערן פון דער ארבעט אפּ דער גרויסער טעריטאָריע פון דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט, ווו מע פלעגט זיך ביז איצט מיט דעם ניט פארנעמען. אייניקע קאָלווירטן, וואָס האָבן די ערשטע פארפלאנצט ווײַנגערטנער אין 1927 און אין 1930 יאָר, הייבן שוין אָן אראָפּנעמען די ערשטע, גאנץ הויכע, גערעטענישן פון ווײַנטרויבן. אין פיר פונקטן פונעם ראיאָן,— אין דרײַ קאָלאָניעס און אין איין איבערוואנדערישן ייִשעוו, האָט מען פאר די לעצטע 6 יאָר פארפלאנצט 46 הא פרוכט־סעדער.

די עקאָנאָמיק אינעם ראיאָן ווערט כאראקטעריזירט מיט פאָלגנדיקע ווירטשאפט־צווײַגן: פעלדצוכט, דעריקער קערנער־קולטורן אלס הויפּט־געביט, די וואקסנדיקע מילכ־ווירטשאפטן און כאזיירים־צוכט.

די סכוירעדיקע לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקציע פונעם ראיאָן שטעלט מיט זיך פאָר א היפּשן סכום טוווע. די גרייס פון די ברויט־פארגרייטונגען וואקלט זיך אָפּהענגיק פון דער יערלעכער גערעטעניש. פאר די לעצטע 4 יאָר האָבן מיר פאָלגנדיקע אָנגאבן (בלויז אינעם דאָרפישן סעקטער):

| | |
|---|---|
| אין 1930 יאָר . . . . . . . . . . . . | 130.080 צענטנער |
| אין 1931 יאָר . . . . . . . . . . . . | 219.000 „ |
| אין 1932 יאָר . . . . . . . . . . . . | 180.000 „ |
| אין 1933 יאָר . . . . . . . . . . . . | 95.300 „ |

די נאָענטסטע שיט־פונקטן זײַנען די עלעוואטערס אין הוליַ־פּאָליערזאָווקע, מאגעדאָווא און צאראָ־קאָנסטאנטינאָווקע. די לעצטע דרײַ סטאנציעס געפינען זיך אפּ דער ליניע זנאמענקע — אילאָווײַסקאיא. די ערשטע סטאנציע געפינט זיך אפּן אײַזנבאן־באצירק טשאפּלינאָ — פּאָלאָגע — בערדיאנסק.

לויט דער ווײַטקייט פון אײַזנבאן־סטאנציעס זײַנען די באפעלקערטע פונקטן פונעם ראיאָן פאנאנדערגעטיילט אפּן פאָלגנדיקן אויפן:

1 פונקט — 3 קילאָמעטער ווײַט,

7 פונקטן — 18 — 20 קילאָמעטער ווײַט,

19 פונקטן — 35 — 30 קילאָמעטער ווײַט.

די וועג־נעץ פון ראיאָן פארמאָגט 2—3 גרויסע מאגיסטראל־וועגן און צענדליקער סטעפּישע וועגן, און איז צוליב צעשניטנקײַט פונעם סטעפּישן רעליעף מיט רויען באדעקט מיט הערבליעס און פארצאמונגען, אָנהייב פרילינג פארשווערט עס ביז נאָר דאָס טראנספּאָרטירן מאסאָעס.

אָבער אינעם פעריאָד פון די רעכטע ברויט־טראנספּאָרטירונגען, אין אווגוסט און אין סענטיאבער, באווײַזן די רויען נאָכ די פרילינג־פארפליי־



צונגען אויסצוטריקענען. די הערבליעס ווערן צוריק אופגעשטעלט און דער צושטאנד פון די וועגן זיכערט דעמלט א נאָרמאלן פאדקער.

די נאָענטסטע אינדוסטריעלע שטעט זײַנען סטאלינאָ, 100 קילאָמעטער אפּ צאָפן־מיזרעכ פונעם ראיאָן און פון דעם ראיאָנעם צענטער (נײַזלאטאָפּאָל), און זאפּאָראָזשיע — 120 קילאָמעטער אפּ מײַרעוו.

די אלטע קאָלאָניעס און אייניקע איבערוואנדערישע ייִשווים, וואָס זײַנען אריבער צום ראיאָן פונעם געוועזענעם מאריופּאָלער קרײַז, געפינען זיך זייער נאָענט צום גרויס גריכישן דאָרפ אלט־קרעמענטשיק. אין שבײַנעס געפינען זיך אויכ א ריי דײַטשישע דערפער פון ליוקסעמבורגער ראיאָן. דער ראיאָנער צענטער איז די אלטע ייִדישע קאָלאָניע — נײַזלאטאָפּאָל. דער סאמע גרעסטער באפעלקערטער פונקט איז דאָ דאָס דאָרפ וואָראָשילאָווקע.

אין ראיאָן זײַנען ניטאָ קיין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, (אויסער קעז־זאוואָדן פון א האלב־קוסטארישן טיפּ) און קיין קוסטארישע געווערבן. אפּ וויפל די ווירטשאפט פונעם ראיאָן טראָגט אן אויסשליסלעכן לאנדווירטשאפטלעכן כאראקטער, באזירט זיך דער וווילשטאנד פון זײַן באפעלקערונג, וואָס באשטייט קימאט אויסשליסלעכ פון קאָלווירטניקעס, אפּ ראציאָנעל אָרגאניזירטער לאנדווירטשאפט אפּ דער באזע פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע, פון דער נײַער מאשין־טעכניק, פון איבערגיין צו נײַע סאָציאליסטישע ארבעט־פאָרמען.

אין אדמיניסטראטיווער הינזיכט טיילט זיך דער ראיאָן אפּ 11 דאָרפראטן, 9 פון זיי זײַנען די ייִדישע. דער גרעסטער טייל פונקטן געפינט זיך ניט מער ווי 15 — 18 קילאָמעטער ווײַט פונעם ראיאָנעם צענטער. די איבעריקע 25 — 27 קילאָמעטער.

## באפעלקערונג

די באפעלקערונג פונעם ראיאָן באשטייט פון 3 גרונט־גרופּעס: אלטע קאָלאָניסטן, ייִדישע איבערוואנדערער און אוקראינער. דער באשטאנד אירער האָט זיך געביטן יאָר אײַן יאָר אויס ניט בלויז צוליב דער דינאמיק פורנעם נאטירלעכן צוווּקס, נאָר הויפּטזאכלעכ צוליבן צופלוס און אָפּפלוס פון איבערוואנדערער. אמערסטן איז עס צו זען אין די איבערוואנדערישע ייִשווים. אָבער באדײַטנדיקע ענדערונגען זײַנען פאָרגעקומען אויכ אין א ריי אלטע קאָלאָניעס. א טייל באפעלקערונג פון דער ליקווידירטער אלטער קאָלאָניע „פּראָלעטארסקאיא“ האָט זיך באזעצט טיילווײַז אין די שוין אײַנגעאָרדנטע ייִשווים, טיילווײַז אין אנדערע קאָלאָניעס. אויכ די קאָלאָניסטן פון אנדערע קאָלאָניעס, וועלכע זײַנען פריער ארויסגעפאָרן און זיך דערנאָכ אומגעקערט אין ראיאָן, האָבן זיך באזעצט אין די איבערוואנדערישע ייִשווים, דערפאר ווײַל זיי האָבן דאָרט געקאָנט לײַכ־

מער באזאָרגט ווערנ מיט וווינונגע. אָבער אינ די אַלטע קאָלאָניעס זיינענ פאַראַנ אויכ נייע איבערוואַנדערער. דאָס דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס נאָכדעמ ווי די אַנטבאַלעבאַטעוועטע זיינענ אַרויסגעפאָרנ פונ די קאָלאָניעס אונ א טייל פונ דער באַפעלקערונג איז אַוועק אינ דער אינדוסטריע, האָבנ איינקע קאָלאָניעס אַריינגענומענ נייע איבערוואַנדערער.

אינ 5 קאָלאָניעס זיינענ פאַראַנ א 3—2 צענדליקער פאַמיליעס איבערוואַנדערער, וואָס האָבנ זיכ דאָרטנ באַזעצט נאָכ אינ 1924 יאָר, אײדער עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די פּלאַנאָווע איבערוואַנדערונג.

לויט די אָנגאַבנ צומ 1־טנ יאַנואַר 1931 יאָר האָט זיכ די באַפעלקערונג איינגעטיילט אַפּנ פאָלגנדיקנ אויפנ:

| ישובים | צאָל פונקטנ | די גאַנצע באַפעלקערונג: פאַמיליעס | די גאַנצע באַפעלקערונג: נעפאַשעס | די גאַנצע באַפעלקערונג: פונ זיי אַרבעט־פייקע | פונ דעמ איבערוואַנדערער: פאַמיליעס | פונ דעמ איבערוואַנדערער: נעפאַשעס | פונ דעמ קאָלאָניסטנ: פאַמיליעס | פונ דעמ קאָלאָניסטנ: נעפאַשעס | פונ דעמ ניט ייד. באַפעל־קערונג: פאַמיליעס | פונ דעמ ניט ייד. באַפעל־קערונג: נעפאַשעס |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אַלטע יידישע קאָלאָניעס . . . | 11 | 1012 | 3889 | 1757 | 79 | 307 | 812 | 3071 | 124 | 511 |
| איבערוואַנדערישע ישובים . . | 13 | 706 | 2891 | 1365 | 638 | 2580 | 16 | 69 | 52 | 242 |
| אוקראַאינישע דערפער . . . . | 3 | 703 | 3227 | 1528 | — | — | — | — | 703 | 3227 |
| אינגאַנצנ . . . . . . | 27 | 2421 | 10007 | 4650 | 717 | 2887 | 824 | 3140 | 879 | 3980 |
| אינ פּראָצענטנ . . . . | — | 100 | 100 | — | 29,8 | 28,9 | 34,1 | 31,4 | 36,1 | 39,7 |

ווי ס׳איז צו זענ, באַטרעפט די יידישע באַפעלקערונג אינ ראַיאָנ 74 פונ די 876 פאַמיליעס ניט־יידישע באַפעלקערונג זיינענ געווענ 60,3 %



דייטשישע פאַמיליעס, וועלכע געפינענ זיכ אינ די אַלטע קאָלאָניעס. דאָס זיינענ איינקלעכ פונ יענע ערשטע, אַזויגערופענע „מוסטערהאַפטע לאַנד־ווירטשאַפטנ", וועלכע האָבנ זיכ דאָ באַזעצט אינ די 40-ער יאָרנ פונעמ פאָרנעמ פאַריקנ יאָרהונדערט באַמ אָרגאַניזירנ די קאָלאָניעס, מיטנ ציל אויסצולערנענ די יידנ פונ די שטעטלעכ פונ ווייסרוסלאַנד אונ ליטע באַשעפטיקנ זיכ מיט לאַנדווירטשאַפט.

אינ פאַרגלייכ מיט דער אַלגעמיינער צאָל קאָלווירטישע פאַמיליעס איז דער ספּעציפישער געוויכט פונ די יידישע פאַמיליעס אַסאַכ א גרעסערע, איידער אינ פאַרגלייכ מיט דער אַלגעמיינער צאָל באַפעלקערונג. דאָס דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס אינ די אוקראַאינישע אונ דייטשישע פאַמיליעס איז די צאָל מיטגלידער א גרעסערע איידער אינ די יידישע.

אַזוי, לעמאָשל, איז אינ א פאַמיליע געווענ מיטגלידער:

1) בא די יידישע קאָלאָניסטנ, איינגעשלאָסנ אויכ יענע וועלכע וווינענ אינ די איבערוואַנדערישע ישובים. 3,8

2) בא די איבערוואַנדערער, איינגעשלאָסנ אויכ די, וואָס וווינענ אינ די קאָלאָניעס 4,0

3) בא די אוקראַאינער אונ בא די דייטשנ 4,5

דער ספּעציפישער געוויכט פונ די אַרבעטספייקע מיטגלידער אינ א פאַמיליע בענעגייע צו איר גאַנצנ באַשטאַנד האָט זיכ אויסגעדריקט אינ פאָלגנדיקע ציפערנ:

| | אַרבעטספייקע | אַרבעטספייקע · אינ א פאַמיליע |
|---|---|---|
| אינ די אַלטע קאָלאָניעס . . . . . . | 45,2% | 1,7% |
| אינ די איבערוואַנדערישע ישובים . . | 47,2% | 1,9% |
| אינ די אוקראַאינישע דערפער . . . . | 45,9% | 2,2% |

די קלענערע צאָל מיטגלידער אינ א קאָלאָניסטישער פאַמיליע אינ פאַרגלייכ מיט דער אוקראַאינישער באַפעלקערונג, דערקלערט זיכ ניט נאָר מיט דער קלענערער צאָל געבורטנ נאָר אויכ מיט די פאַרלוסטנ בייטנ בירגער־קריג.

אינ די לעצטע יאָרנ, ווענ דאָס לאַנד איז אַריינגעטראָטנ אינ פּעריאָד פונ אינדוסטריאַליזאַציע, האָבנ איינצלנע מיטגלידער פונ די קאָלאָניסטישע פאַמיליעס פאַרלאָזט די קאָלאָניעס אונ זיינענ אַוועק אינ דער אינדוסטריע. די איבערוואַנדערישע פאַמיליע איז דעריבער פיל קאָמפּאַקטער, ווי די קאָלאָניסטישע פאַמיליע. זי איז אָבער דאָכ קלענער פונ דער אוקראַאינישער פאַמיליע. איינצלנע מיטגלידער פונ די איבערוואַנדערישע פאַמיליעס זיינענ

אויכ אוועק אינ דער אינדוסטריע. מע דארפ אויכ דיסקאָנטירנ דעמ פאקט, אז באמ איבערוואנדערנ פונ די שטעטלעכ אונ שטעט אפ די קאָלאָניזיר־פאָנדנ, פלעגנ זייער אָפט אריבערפאָרנ ניט אלע מיטגלידער פונ דער פאַ־מיליע. איינצלנע מיטגלידער פונ דער פאמיליע, טיילווײַז די יוגנט, וואָס איז געווענ צו דער צײַט פונ דער איבערוואנדערונג באשעפטיקט אינ עפּעס אנ אנדערנ ארבעט־געביט, פלעגנ בלײַבנ אפנ אָרט.

א באשטימטנ אינטערעס שטעלט אויכ פאָר די פראגע וועגנ דעמ, ווי גרויס איז דער ספּעציפישער געוויכט פונ די אָפּוועזנדיקע פאמיליע־מיט־גלידער, אונ אינ וואָסער ארבעט־געביטנ זיי זײַנענ באשעפטיקט. איבער דער דאָזיקער פראגע זײַנענ פאראנ מאטעריאלנ צומ 1-טנ יאנואר 1932 יאָר. די מאטעריאלנ באציענ זיכ צומ גאנצנ באשטאנד פונ די איבערוואנדערער אינעמ נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ אונ אינ 4 ייִשוווימ פונעמ שכיינישנ פאָק־ראָווסקער ראיאָנ.

צומ 1-טנ יאנוואר 1932 יאָר זײַנענ אפ די פאָנדנ געווענ, צוזאמענ מיט 228 פאמיליעס אינ די ייִשוווימ פונ פאָקראָווסקער ראיאָנ אונ 10 פאַ־מיליעס אינ די אלטע קאָלאָניעס, 867 איבערוואנדערישע פאמיליעס מיט א באפעלקערונג פונ 3576 נעפאשעס. די צאָל אָפּוועזנדיקע פאמיליע־מיטגלידער האָט באטראָפנ 669, דאָס הייסט 18,1 % בענעגייע דער גאנצער באפעל־קערונג, וואָס האָט זיכ געפונענ אפ די פאָנדנ צומ 1־טנ יאנוואר 1932 יאָר. לויט די באשעפטיקונגענ זײַנענ זיי פארטיילט אפנ פאָלגנדיקנ אויפנ:

| | מענער | פרויענ | אינגאנצנ |
|---|---|---|---|
| אינ דער רויטער ארמיי . . . . . . . . . | 27 | — | 27 |
| אינ אונטערנעמונגענ . . . . . . . . . . | 296 | 193 | 489 |
| לערנ־יוגנט . . . . . . . . . . . | 70 | 76 | 146 |
| ניט ארבעטספּײַקע . . . . . . . . . . | 2 | 5 | 7 |
| אינגאנצנ . . . . . . . | 395 | 274 | 669 |

דער אָנגעוויזענער פּראָצענט אָפּוועזנדיקע פאמיליע־מיטגלידער (18,1), צווישנ וועלכע דעמ גרעסטנ, דעמ באדײַטנדיקסטנ טייל, שטעלנ מיט זיכ פאָר די, וואָס זײַנענ אוועק אינ דער אינדוסטריע, איז ניט אינ קיינ גלײַכער מאָס פארטיילט צווישנ די איבערוואנדערער פונ פארשיידענע יאָרנ.



אָט אזוי, לעמאָשל, זײַנענ פונ די איבערוואנדערער:

פונ 1926 יאָר אָפּוועזנדיק — 27,0% פאמיליע מיטגלידער
פונ 1927 „ „ — 12,1% „ „
פונ 1928 „ „ — 17,5% „ „
פונ 1929 „ „ — 14,5% „ „
פונ 1930 „ „ — 12,6% „ „
פונ 1931 „ „ — 5,2% „ „

עס זײַנענ פאראנ פאמיליעס, וואָס 2—3 אונ מער מיטגלידער פונ זיי באשעפטיקנ זיכ ניט מיט קיינ לאנדווירטשאפט. לויט די אָנגאבנ צומ 1־טנ יאנוואר 1932 יאָר זײַנענ די פאמיליעס, לויט דער צאָל מיטגלידער, וועלכע פארנעמענ זיכ מיט זײַטיקע באשעפטיקונגענ, געווענ פאנאנדערגעטיילט אפ אזא אויפנ:

1) פאמיליעס, אָנ אָפּוועזנדיקע פאמיליע—מיטגלידער . . . . . . . . . 501
2) מיט איינ אָפּוועזנדיקנ . . . . . . . . . . . . . . . . . 183
3) מיט צוויי אָפּוועזנדיקע . . . . . . . . . . . . . . 110
4) מיט דרײַ אונ מערער אָפּוועזנדיקע . . . . . . . . . . 73

אינגאנצנ . . . . . . . . . . . . . 867 פאמ.

אינ גרעסטנ טייל פאלנ זײַנענ די אָפּוועזנדיקע פאמיליע־מיטגלידער אינ עלטער פונ 18 ביז 30 יאָר. זיי האָבנ א שוואכע עקאָנאָמישע פארבינדונג מיטנ ראיאָנ, אונ ס'איז זייער ווארשײַנלעכ, אז א באדײַטנדיקער טייל פונ זיי וועט זיכ אינ ראיאָנ ניט אומקערנ.

אפ וויפל פארשיידנארטיק עס איז געווענ דער באשטאנד פונ די קאָ־לאָניסטישע ווירטשאפטנ לויט דער צאָל פאמיליע־מיטגלידער קאָנ מענ אור־טיילנ פונ די מאטעריאלנ צומ 1־טנ יאנוואר 1928 יאָר, וועלכע באציענ זיכ צו 8 קאָלאָניעס פונ 11. אינ די דאָזיקע 8 קאָלאָניעס פונעמ געווע־זענעמ זאפּאָראָזשער קרײַז, וועלכע ציילנ איצט אינגאנצנ 688 פאמיליעס, דערינ 534 קאָלאָניסטישע פאמיליעס, — איז צומ 1-טנ יאנוואר 1928 יאָר געווענ 783 פאמיליעס. לויט דער צאָל פאמיליע־מיטגלידער זײַנענ זיי גע־ווענ פאַנאנדערגעטיילט אפ פאָלגנדיקנ אויפנ:

מיט איינ פאמיליע־מיטגליד . . . . . . . . . . . . . . 32
מיט צוויי פאמיליע־מיטגלידער . . . . . . . . . . . . . 68
מיט דרײַ „ . . . . . . . . . . . . . . . 141
מיט פיר „ . . . . . . . . . . . . . . . 157
מיט פינפ „ . . . . . . . . . . . . . . . 125
מיט זעקס „ . . . . . . . . . . . . . . . 104
מער פונ זעקס . . . . . . . . . . . . . . . . 138

די דינאַמיק פון דער באַפעלקערונג אין פאַרבינדונג מיטן צופלוס און אָפּפלוס פון איבערוואַנדערער, דאַרף מען באַטראַכטן באַזונדער פאַר די קאָלאָניעס און באַזונדער פאַר די באַזעצטע איבערוואַנדערישע פונקטן.

פונעם פריִערדיקן פאַרגלײַך האָבן מיר שוין געזען ווי באַדײַטנדיק עס איז פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל קאָלאָניסטישע פאַמיליעס פאַר די לעצטע 6 יאָר, דה. פון 1928 ביז 1934 יאָר. ווי ס'איז צו זען האָט די פאַרקלענערונג (783—688) באַטראָפן 95 פאַמיליעס אין 8 קאָלאָניעס פון 11. דער דאָזיקער אָפּפלוס איז אין א געוויסער מאָס קאָמפּענסירט געוואָרן מיט נײַ־אָנגעקומענע איבערוואַנדערער.

קעדיי קלאָר צו מאַכן די ענדערונגען אינעם באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג, וועלן מיר פאַרגלײַכן די אָנגאַבן, וואָס מיר האָבן פאַר די לעצטע 10 יאָר, פון 1924 ביז 1934 יאָר.—(דעם פאַרגלײַך מאַכן מיר בלויז בנוגע 8 קאָלאָניעס.) בנוגע די איבעריקע דרײַ — זעלאָנאָפּאָל, נאַדעזשנער און סלאַדקאָוואָדער, וועלכע האָבן ביזן אָרגאַניזירן דעם ראַיאָן געהערט צום מאַריופּאָלער קרײַז, זײַנען קיין באַזונדערע אָנגאַבן ניטאָ.

עס זײַנען פאַרן יעדיִעס וועגן דער אַלגעמיינער צאָל באַפעלקערונג אין די 7 קאָלאָניעס, ווו ס'זײַנען אײַנגעשלאָסן אויך יענע דרײַ קאָלאָניעס, וואָס ס'זײַנען ניט אַרײַן אינעם באַשטאַנד פונעם נײַ־זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן, און אויך די ליקווידירטע קאָלאָניע „פּראָלעטאַרסקי".

אין די פאַרגאַנגענע צען יאָר האָט די באַפעלקערונג אין 8 קאָלאָניעס (זיי בילדן איצט 68 % פון דער גאַנצער באַפעלקערונג) באַטראָפן:

| יאָרן | באַפעלקערונג | פאַמיליעס |
| --- | --- | --- |
| אין 1925 יאָר . . . . . . | 3230 | 646 |
| „ 1926 „ . . . . . . | 3413 | 693 |
| „ 1927 „ . . . . . . | 3641 | 773 |
| „ 1928 „ . . . . . . | 3633 | 783 |
| „ 1934 „ . . . . . . | 2602 | 688 |

ווי ס'איז צו זען איז פאַר די לעצטע יאָרן מיט 95 פאַמיליעס ווייניקער געוואָרן. די צאָל באַפעלקערונג איז פאַרקלענערט געוואָרן אויף 1031.

די דאָזיקע לעצטע ציפערן באַווײַזן, אַז קימאַט 1000 נפשות, הויפּטזאַכלעך פון אַרבעטספעיִקן עלטער, זײַנען אַוועק פון די קאָלאָניעס און



זײַנען אַריבער צו אַנדערע באַשעפטיקונגען. דער ווירקלעכער אָפּפלוס איז פיל גרעסער. אין די ציפער איז עס ניט צו זען ווײַל אין די זעלבע יאָרן האָבן אין די קאָלאָניעס זיך באַזעצט נײַע איבערוואַנדערער. כוץ דעם איז דאָ ניט דיסקאָנטירט באַזונדער דער נאַטירלעכער צוּוואוקס פון דער באַפעלקערונג. אָט צוליב די אַלע סיבעס זײַנען די אַלטע קאָלאָניעס מער באַזאָרגט מיט ערד, ווי די אוקראַיִנישע באַפעלקערונג, און עס פעלט אויס אַרבעטס־קראַפט צו באַאַרבעטן די פאַרברייטערטע פאַרזיי־שעטעכן. דערפון דרינגט אויך אַרויס די נויטווענדיקייט צו באַזעצן אין אַלטע קאָלאָניעס נײַע איבערוואַנדערער.

וואָס איז שײַעך דער צאָל ניט־יִדישער באַפעלקערונג קענען מיר פאַרגלײַכן די אָנגאַבן, וואָס מיר האָבן מיט די מאַטעריאַלן צום 1־טן יאַנוואַר 1931 יאָר. צום 1־טן יאַנוואַר 1934 יאָר.

אין יאַנוואַר 1931 יאָר זײַנען געווען 3650 רוסן, אוקראַיִנער און דײַטשן. צום 1־טן יאַנוואַר 1934 יאָר — 3980, דאָס הייסט א וואוקס אויף 330 מענטשן אָדער 9,3 %.

פאַרעכענען די דאָזיקע 9 % בלויז אויפן כעזשבן פונעם נאַטירלעכן צוּוואוקס איז ניטאָ קיין שום גרונט. און ווירקלעך, עטלעכע צענדליק אוקראַיִנער פאַמיליעס זײַנען פון אַנדערע ראַיאָנען אַריבערגעפאָרן אינעם נײַ־זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן. דאָ האָט מען זיי אַרײַנגענומען אין די קאָלווירטן פון די קאָלאָניעס און פון די איבערוואַנדערישע יִשובים. כוץ דעם איז צווישן די אוקראַיִנער און רוסן פאַראַן אויך א טייל אָנגעשטעלטע אין די ראַיאָנישע אַנשטאַלטן און א טייל אַרבעטער פון דעם מאַשין־טראַקטאָרישן וואַרשטאַט, זיי זײַנען געקומען אין ראַיאָן פון פאַרשיידענע ערטער.

א באַזונדערן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר די דינאַמיק פון דער איבערוואַנדערישער באַפעלקערונג, ווײַל דאָ מוז מען דיסקאָנטירן ניט בלויז דעם פאַקט, וואָס א טייל פון די שוין אײַנגעזעסענע איבערוואַנדערער גייען אַוועק אין דער אינדוסטריע, נאָר אויך די נאַטירלעכע פליסעוודיקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיטן איבערוואַנדערונג־פּראָצעס גופא. א טייל איבערוואַנדערער פאָרן אַוועק נאָכדעם, ווי זיי זײַנען אָפּגעווען א קורצן טערמין אויף די פעלדער, א טייל איבערוואַנדערער שליסט מען גלאַט אויס, ווײַל זיי טויגן ניט צו דער אַרבעט אין קאָלווירט.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז דער אָנפאַנגלעכער איבערוואַנדערונג־פּראָצעס. ווען די ערשטע איבערוואַנדערער זײַנען געקומען אויף די פעלדער האָבן זיי געפונען פוסטע, שוין פון לאַנג ניט קיין באַאַרבעטע ערד, אָן ברונעמס און אָן געבײַדעס. די דאָזיקע איבערוואַנדערער האָבן געמוזט אין איין און דער זעלבער צײַט באַאַרבעטן די ערד, און זיך ערשט צו־

געווינען צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. נאָך דער שטאָט און שטעטל האָבן זיי זיך באַדאַרפט צופּאַסן צו גאָר נײַע באַדינגונגען. זיי איז אויסגעקומען צו בויען הײַזער פאַר זיך, פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע געבײַדעס, גראָבן ברונעמס, פאַרשאַפן זיך אַ פּי-סטאַדע, מאַשינעס. ס'איז זיי אויסגעקומען גרונטלעך ענדערן זייער פריערדיקן שטייגער אויף די נײַע ערטער, אין נײַע באַדינגונגען.

עמעס, צום אָנפירן מיט דער איבערוואַנדערונג־אַרבעט זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן גוטע אָרגאַניזאַטערס און געניטע טוער. די רעגירונג האָט געגעבן די נייטיקע קרעדיטן. דער קאָמערד האָט אויך צוגעצויגן צו דער דאָזיקער אַרבעט אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס.

די ערשטע איבערוואַנדערער האָבן אָנגעהויבן צו קומען אַף די פּאָגדן אָנהייב אַפּרעל 1926 יאָר. די ווייכע ערדן פון די ערד-באַצירקן וועלכע זײַנען געווען באַשטימט פאַר די איבערוואַנדערער, האָבן זיך יענעם פּרילינג געפונען אין אַרענדע בײַ באַלעגופים און פעסטע מיטלפויערים פון די שכייניש דערפער. די אָפּמאַכן פון די אַרענדאַטערס מיט די ערד־אָרגאַנען זײַנען אַנולירט געוואָרן. די פאַרזיי־שטעטכן זײַנען געבליבן ביזן אַראָפּנעמען די געוועטעניש אין רעשוס פון די אַרענדאַטערס. ביז אָנהייב מײַ, ווען עס איז נאָך מעגלעך געווען דורכצופירן דעם פּרילינג-פאַרזיי, זײַנען אײַנגאַנצן אָנגעקומען 50 פאַמיליעס איבערוואַנדערער. זיי האָבן נאָך באַוויזן צו פאַרזייען אין דורכשניט צו 3 הא אַף אַ פאַמיליע. אין גרונט האָבן זיי אָבער זיך פאַרנומען מיט בויען וווינונגען, מיט צוגרייטן שוואַרצברוך צום ווינטער־פאַרזיי פאַר די שוין אָנגעקומענע און פאַר די איבערוואַנדערער, וואָס האָבן נאָך געדאַרפט קומען.

אין פּרילינג 1926 יאָר זײַנען געקומען 261 פאַמיליעס איבערוואַנדערער. ביזן האַרבסט זײַנען פאַרבליבן בלויז 256 פאַמיליעס. דורכגעפירט דעם ווינטער־פאַרזיי פון 1926—1927 יאָר האָבן 249 פאַמיליעס.

נאָכן פאַרענדיקן די ווינטערדיקע פאַרזיי־קאַמפּאַניע אין 1926 יאָר האָט די מערהײַט איבערוואַנדערער, וואָס האָבן דורכגעפירט דעם ווינטער-פאַרזיי (184 פאַמיליעס פון 249), זיך אומגעקערט צוריק אין זייער אַלטער היים. אַפן אָרט זײַנען פאַרבליבן בלויז 65 פאַמיליעס, אָדער 25,4%. אויסבויען הײַזער האָבן אָבער אינעם ערשטן זומער באַוויזן בלויז 25 פאַמיליעס אין איין יישעוו. 40 פאַמיליעס האָבן געוווינט אין די שכיינעסדיקע קאָלאָניעס און דערפער.

אין 1927 יאָר האָבן אָנהייב פּרילינג אָנגעהויבן זיך אומקערן די פאַראיאָריקע איבערוואַנדערער. פון די 184 פאַמיליעס האָבן זיך צום פּרילינג פאַרזיי פון 1927 יאָר אומגעקערט 172 פאַמיליעס, און צום האַרבסט-פאַרזיי נאָך פיר פאַמיליעס, אײַנגאַנצן — 176 פאַמיליעס. צוזאַמען מיט די פאַמיליעס, וועלכע זײַנען געבליבן ווינטערן, האָבן זיך האַרבסט 1927 יאָר געפונען אַף די פּאָגדן 241 פאַמיליעס אָדער 94,1% פון דער גאַנצער צאָל פאַרעגיסטרירטע איבערוואַנדערער אין 1926 יאָר.



227 פאַמיליעס האָבן דורכגעפירט אין 1927 יאָר דעם זומערדיקן און ווינטערדיקן פאַרזיי, אויסגעבויט פאַר זיך וווינונגען האָבן 211 פאַמיליעס, אָדער 80,8%. צום קומענדיקן ווינטער זײַנען שוין אַף די פּאָגדן פאַרבליבן 208 פאַמיליעס, אָדער 79,7% פון אַלע פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך פאַרעגיסטרירט אין 1926 יאָר.

אין 1927 יאָר האָבן אין מעשעך פונעם גאַנצן זומער, דה. פון אָנהייב פּרילינג ביז אָנהייב אָקטיאַבער, לויט די אָרדערס פון פאָלקאָמערד, געהאַלטן אין איין אָנקומען נײַע איבערוואַנדערער, אײַנגאַנצן איז אין 1927 יאָר, (אויסער די פאַראיאָריקע איבערוואַנדערער) צוגעקומען נײַע 585 פאַמיליעס. פון זיי האָבן 68 פאַמיליעס (11,6%) זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צום נײַעם אָרט. זיי האָבן נאָך ניט גענומען קיין אָנטייל אין די אַרבעטן און זײַנען אַוועקגעפאָרן אַהיים נאָך ביזן ווינטער־פאַרזיי. דעם ווינטער־פאַרזיי האָבן דורכגעפירט 217 פאַמיליעס (88,4%). פון דער דאָזיקער גרופּע נײַע איבערוואַנדערער האָבן 170 פאַמיליעס אויסגעבויט פאַר זיך וווינונגען אין 1927 יאָר, ווינטערן אַפן באַצירק זײַנען פאַרבליבן 181 פאַמיליעס.

די דינאַמיק פון דער איבערוואַנדערונג אין די ערשטע צוויי יאָר זעט אויס אַף אַזאַ אויפן:

| צײַגערס | 1926 י. | 1927 י. | פאַר צוויי יאָר |
|---|---|---|---|
| פאַרעגיסטרירט . . . . . . . . . . . . . | 241 פאַמ. | 585 פאַמ. | 826 פאַמ. |
| פאַקטיש געאַרבעט . . . . . . . . . . . | „ 230 | „ 517 | „ 747 |
| פּראָצענט אַרבעטנדיקע . . . . . . . . . | „ 95,4 | „ 88,4 | „ 90,4 |
| אַוועקגעפאָרן אַפן ווינטער . . . . . . . . . | „ 33 | „ 404 | „ 437 |
| פּראָצענט צו דער צאָל פאַרעגיסטרירטע . . | „ 13,7 | „ 69,1 | „ 52,9 |
| געבליבן ווינטערן . . . . . . . . . . . | „ 208 | „ 181 | „ 389 |
| פּראָצענט צו דער צאָל פאַרעגיסטרירטע . . | „ 68,3 | „ 30,9 | „ 47,1 |
| אויסגעבויט פאַר זיך הײַזער . . . . . . . | „ 211 | „ 170 | „ 381 |
| פּראָצענט צו דער צאָל פאַרעגיסטרירטע . . | „ 87,6 | „ 29,1 | „ 46,1 |

דער פאראנענער פראָצענט פאמיליעס, וואָס האָבנ ניט געארבעט, דער־קלערט זיכ מיטנ שלעכטנ אָפקלײַב פונ איבערוואנדערער אינ די אויסוואנדערונג-פונקטנ. ס'זײַנעג אפילע געוועג פאלנ, ווענ שטעטלדיקע טוער, זועלנדיק זיכ באפרײַענ פונ זאָרג וועגנ א גרויסער פאמיליע מיט א סאכ ניט ארבעטספײַקע מיטגלידער, פלעגנ זי אוועקשיקנ אפ די קאָלאָניזיר־פאָנדנ. דערנאָכ פלעגט מענ מוזנ איבעראנײַס פאטערנ מיטלענ אָפצושיקנ אזא פאמיליע צוריק אינ שטעטל. ס'איז אויסגעקומענ אסאכ צו אייסעקנ זיכ מיט אזעלכע פאמיליעס. באזונדערס שווער איז זיי געווענ בײַם עס זײַנעב געווענ אינדיווידועלע ווירטשאפטנ.

שפעטער, ווענ עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אָרגאניזירנ קאָלווירטנ איז די לאגע געוואָרנ בעסער. עמעס, די קאָלווירטנ פלעגנ אויכ שטעלנ באשטימטע פאָדערונגענ בענעגייע דער צאָל ארבעטספײַקע אינ א פאמיליע. זיי פלעגנ אָבער געבנ א מעגלעכקײַט צו ארבעטנ אינ קאָלווירט אויכ איינזאמע פרוי־ענ, אלמאָנעס מיט קליינע קינדער, וואָס האָבנ געקאָנט זײַנ באשעפטיקט אינ די קינדערהיימענ, קינדער־פלעצער אאוו.

זייער כאראקטעריסטיש איז דער צאָליקער באשטאנד פונ די איבער־וואנדערישע פאמיליעס אינ מעשעכ פונ די ערשטע צוויי יאָר פונ דער איבערוואנדערונג. לויט די אָנגאבנ צומ 1-טנ יאנוואר 1927 יאָר — האָבנ די 389 פאמיליעס, וועלכע זײַנענ פארבליבנ אפ ווינטער געהאט א פאָלגנ־דיקנ באשטאנד:

| | | |
|---|---|---|
| מיט איינ מיטגליד . . . . . | 44 פאמיליעס פונ | 44 מאנ |
| מיט צוויי מיטגלידער . . . . | 33 ″ ″ | 66 ″ |
| מיט דריי ″ . . . . | 56 ″ ″ | 168 ″ |
| מיט פיר ″ . . . . | 80 ″ ″ | 320 ″ |
| מיט פינפ ″ . . . . | 70 ″ ″ | 350 ″ |
| מיט 6 אונ מער . . . . | 106 ″ ″ | 761 ″ |
| אינגאנצנ . . . . . | 389 פאמ. | 1709 מאנ. |

די דורכשניטלעכע צאָל מיטגלידער אינ א פאמיליע איז געווענ 4,6 פאר די איבערוואנדערער פונ 1926 יאָר — 4,7, פאר די איבערוואנדערער פונ 1927 יאָר — 4,0 נעפאשעס. דעמ סאמע גרעסטנ פראָצענט האָבנ אויס־געבילדעט פאמיליעס מיט 6 אונ מיט מערער מיטגלידער. לויט דער אר־בעטספײַקײַט האָבנ די איבערוואנדערער פאר די ערשטע צוויי יאָר איבער־וואנדערונג אויסגעבילדעט דעמ גרונט־קאָנטינגענט פונ דער נײַער באפע־קערונג אינ ראיאָנ. די 389 איבערוואנדערישע פאמיליעס, וועלכע זײַנע פארבליבנ אפנ ווינטער 1928 יאָר, זײַנענ געווענ פארטיילט אפנ פאָלגנדיק אויפנ:



| | איבערוואנד. 1926 י. | | איבערוואנד. 1927 י. | | אינגאנצנ | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | מענטשנ | % % | מענטשנ | % % | מענטשנ | % % |
| ארבעטספײַקע . . | 593 | 60,1 | 482 | 66,4 | 1075 | 62,9 |
| ניט ארבעטספײַקע . | 393 | 39,1 | 244 | 33,6 | 634 | 37,1 |
| אינגאנצנ . | 986 | 100,0 | 726 | 100 | 1709 | 100 |
| דערינ ארבעטספײַקע | | | | | | |
| מענער . . | 345 | 58,2 | 388 | 80,5 | 733 | 68,2 |
| פרויענ . . | 248 | 41,8 | 94 | 19,5 | 342 | 31,8 |

דער גרויסער אונטערשייד צווישנ דער צאָל מענער אונ פרויענ, ווי אויכ צווישנ דער צאָל ארבעטספײַקע אונ ניט ארבעטספײַקע בא די איבערוואנדערער פונ די יאָרנ 1926 — 1927, דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס אינ די באדינגונגענ פונ די נײַע קאָלאָניזיר־ערטער, ווו מע האָט ערשט באדארפט צוטרעטנ צו בויענ וווינונגענ, פלעגנ פריער פונ אלצ קומענ די ארבעטספײַקע מענער. ערשט נאָכדעמ, ווי זיי האָבנ זיכ באקאנט מיטנ נײַעמ אָרט, דורכגעפירט די גרונטיקע פעלד-ארבעטנ אונ האָבנ זיכ בא־זאָרגט מיט וווינונגענ, פלעגנ זיי ברענגענ די איבעריקע מיטגלידער פונ דער פאמיליע — פרויענ, קינדער, אאוו. דעריבער טאקע איז צומ סאָפ 1927 יאָר בא די איבערוואנדערער פונ 1926 יאָר, וואָס האָבנ זיכ שוינ קימאט אינגאנצנ געהאט אײַנגעאָרדנט אפ די פאָנדנ, די פארהעלטעניש צווישנ דער צאָל ארבעטספײַקע אונ ניט ארבעטספײַקע, צווישנ דער צאָל מענער אונ פרויענ, געווענ אסאכ נעענטער, ווי בא די איבערוואנדערער פונ 1927 יאָר, בא וועלכע ס'האָבנ צומ אָנגעוויזענעמ טערמינ נאָכ דאָמינירט די אָרשטייער פונ די פאמיליעס — די ארבעטספײַקע מענער.

אינ די שפעטערדיקע יאָרנ, ווענ די איבערוואנדערונג איז שוינ גע־גאנגענ אפ דער באזע פונ קאָלעקטיוויזאציע, ווענ די פאָנדנ זײַנענ שוינ געווענ אײַנגעאָרדנט, אונ די נײַע איבערוואנדערער פלעגנ שוינ דאָ טרעפנ א בוינעמ, א שול, אונ אָפט אפילע א פארטיק הויז, אָדער צוגעגרייטע מאטעריאלנ אפ הײַזער־בויונג, פלעגנ די איבערוואנדערער שוינ פונ סאמע אָנהייב אָנקומענ מיט דער גאנצער פאמיליע.

ס'ווארפט זיכ אינ די אויגנ דער הויכער פראָצענט פונ גרויסע פאמי־ליעס צווישנ די איבערוואנדערער פונ די ערשטע יאָרנ. דאָס דערקלערט

352

זיך דערמיט, וואָס אין שטעטל האָט צו יענער צייט געהערשט אן ארבעטלאָזיקייט. אפילע ארבעטספייִקע מענער פלעגן אפ די ערטער ניט קאָנען געפינען פאר זיך קיין ארבעט, שוין אָפגערעדט פון פרויען און פון אונטערוואקסנדיקע יוגנט אָן א קוואליפיקאציע. מענטשן מיט א קליינער פאמיליע איז לייכטער זיך איינצואָרדענען אפן אָרט. דעריבער פלעגן מענטשן מיט גרויסע פאמיליעס לייכטער פון אנדערע איבערוואנדערן אפן ערד. די לאנדווירטשאפט האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צוציען צו ארבעט די פרויען און דאָס יונגוואַרג.

לויט די אויסוואנדערונג-ערטער געהערן די איבערוואנדערער פון די יאָרן 1926 און 1927 צו 26 קרייזן אפ אוקראינע. א באדייטנדיקן קאָנטינגענט האָבן געגעבן די שטעטלעך פון קאמענעצער קרייז. פון 826 פאמיליעס, פארעגיסטרירטע אין די יאָרן 1926 און 1927, זיינען 292 געווען פון קאמענעצער קרייז. פון א ריי אנדערע קרייזן: לובענער, וואלינער. פאָלטאווער, אומאנער, שעווטשענקאָווער, טשערקאסער, וויניצער, טשערניגאָווער, קאָנאָטאָפער און אנד. האָבן אויסגעוואנדערט צו 4-3 פאמיליעס. פון די שביינישע דערפער און פון די יישובים בא די אייזנבאן-סטאנציעס אין מאריופאָלער און זאפאָראָזשיער קרייזן האָבן אויך אויסגעוואנדערט עטלעכע צענדליק פאמיליעס. דאָס זיינען געווען אלטע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן שוין לאנג נאָך פאר דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע פארלאָזן די קאָלאָניעס, אָדער זייערע זין, וועלכע האָבן ניט געפונען קיין ארבעט אין שטאָט.

פארן קלאסן-באשטאנד פון די איבערוואנדערער זיינען כאראקטעריסטיש די פאָלגנדיקע ציפערן וועגן דער פארטיילונג פון די ערשטע איבערוואנדערער לויט זייערע פריִערדיקע באשעפטיקונגען:

| פראָפעסיע | איבערוואנד. 1926 י. פאמ. | איבערוואנד. 1926 י. % % | איבערוואנד. 1927 י. פאמ. | איבערוואנד. 1927 י. % % | אינגאנצן פאמ. | אינגאנצן % % |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1. קוסטארן | 46 | 19,1 | 155 | 26,5 | 201 | 24,4 |
| 2. הענדלער | 30 | 12,4 | 137 | 23,4 | 167 | 20,2 |
| 3. באשעפטיקט אין לאנדווירטשאפט | 51 | 21,2 | 86 | 14,7 | 137 | 16,6 |
| 4. אָן באשטימטע באשעפטיקונגען | 38 | 15,8 | 51 | 8,7 | 89 | 10,8 |
| 5. אָנגעשטעלטע | 17 | 7,0 | 56 | 9,5 | 73 | 8,8 |
| 6. קוואליפיצירטע ארבעטער | 14 | 5,8 | 39 | 6,7 | 53 | 6,4 |
| 7. פורמאנעס | 18 | 7,5 | 23 | 3,9 | 41 | 5,0 |
| 8. שווארצארבעטער | 5 | 2,1 | 25 | 4,3 | 30 | 3,6 |
| 9. קאצאָווים | 9 | 3,7 | 5 | 0,9 | 14 | 1,7 |
| 10. פרייע פראָפעסיעס | 6 | 2,5 | 8 | 1,4 | 14 | 1,7 |
| 11. קליין-אינדוסטריעלער | 7 | 2,9 | — | — | 7 | 0,8 |
| אינגאנצן | 241 | 100,0 | 585 | 100 | 826 | 100 |



ס'איז קלאָר, אז מע קאָן אויך די גרופע „אָן באשטימטע באשעפטיקונגען" צורעכענען צו דער קאטעגאָריע „געוועזענע הענדלער", און אויב מע זאָל נאָך צו די דאָזיקע צוויי גרופעס צוגעבן 0,8% געוועזענע קליינפאבריקאנטלעך וועט זיך באקומען, אז דער דאָזיקער סאָציאלער שיכט געוועזענע, ניט ארבעטנדיקע עלעמענטן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א באדייטנדיקע גרופע פון 31,8%.

די דאָזיקע ציפערן אנטשפרעכן דער לאגע, וואָס איז געווען צווישן דער יידישער באפעלקערונג אין שטעטל. און אין די אויפגאבן פון ארייַנציען אין פראָדוקטיווער ארבעט די יידישע שטעטלדיקע אָרעמקייט, איז באם סאמע אָנהייב פון דער איבערוואנדערונג ארייַנגעגאנגען אויך די אויפגאבע צו שאפן א מעגלעכקייט פאר דער דערמאָנטער גרופע איבערצוגיין צו ערד-ארבעט. נאָר שוין אין די נאָענטסטע יאָרן האָט דער קלאסן-קאמף אין פארבינדונג מיטן ליקווידירן דעם באלעגופנטום אלס קלאס, אָנגענומען א פארביטערטע פאָרם אויך אפ די יידישע איבערוואנדערישע פאָנדן, און דאנק פון אָט דער גרופע איז ארויס א גרויסער טייל פון די עלעמענטן, וואָס האָבן זיך פארביסן קעגנגעשטעלט די מאָסמיטלען פון דער ראטנמאכט. דעריבער האָט מען אָנגעהויבן שטרענגער צוגיין צום סאָציאלן אָפקלייב פון די איבערוואנדערער. שוין אין 1927 יאָר און אין די שפעטערדיקע יאָרן האָט מען די גרופן פון די געוועזענע הענדלער און פאבריקאנטן אינגאנצן אויסגעשלאָסן פון דעם קאָנטינגענט איבערוואנדערער. באם אנטבאלעגופעווען איז א טייל איבערוואנדערער פון דער דאָזיקער גרופע אויסגעשלאָסן געוואָרן פון די קאָלווירטן און האָט פארלאָזן די פאָנדן.

צווישן די קוסטארן באגעגענען זיך פאָרשטייער פון פארשיידענע האנטווערקער-פאכן — נאָדל-פאך, שוסטער-פאך, גארבער, שפייז-ארבעטער, מעטאלבאארבעטונג, בוי-פאך אדג.

די ארבעטער האָבן הויפטזאכלעך געארבעט אין די קליינע פראָדוקציעס-גארבערייען, אָלייניצעס, מילן און אנד. צווישן די, וועלכע האָבן זיך פארנומען מיט לאנדווירטשאפט, זיינען געווען אויך געוועזענע טאבעק-פלאנצער פון פאָדאָליע. דאָס זיינען געוועזענע שטעטלשע איינגווינער, וועלכע האָבן נאָך דער רעוואָליוציע באקומען קליינע ערד-כאלאָקים. צו דער גרופע געהערן אויך די געוועזענע קאָלאָניסטן אָדער זייערע קינדער, וועלכע האָבן זיך אָפגעריסן פון דער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט אין דער צייט פון דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע און פונעם בירגער-קריג.

אין די ערשטע יאָרן פון דער יידישער ערד-איינאָרדענונג פלעגט מען נאָך בויען אינדיווידועלע ווירטשאפטן. קעדיי פארפעסטיקן די איבערוואנדערער אפן נייעם אָרט, און געבן א מעגלעכקייט צו איבערוואנדערן א טייל געוועזענע הענדלער, פלעגט דער קאָמערד פאָדערן בא דער דאָזיקער

גרופע איבערוואנדערער אריַינלייגן אין דער ווירטשאפט א באשטימטע סומע אייגענע מיטלען, ס'זײַנען אף אזא אופן באשאפן געוואָרן פארשיידענע פארמעגן־קאטעגאָריעס. און באַם צורעכענען די איבערוואנדערער צו דער אָדער יענער קאטעגאָריע, פלעגן די אָרטיקע דאיאָגע אָרגאניזאציעס צוגיין פאר־שיידן.

אינגאנצן זײַנען דאן געווען 6 פארמעגן-קאטעגאָריעס. צו דער ערשטער קאטעגאָריע האָבן געהערט פאמיליעס, וועלכע האָבן ניט געקאָנט אריַינלייגן קיין שום קאפיטאל אין דער אײַנאָרדענונג פון זייער ווירטשאפט. די דאָ־זיקע קאטעגאָריע פלעגט באקומען א פולע קרעדיטירונג אף אײַנצואָרדענען א פויערשע ווירטשאפט. דאָ דארף מען אויך פארצייכענען, אז אפן כעזשבן פון די איבערוואנדערער פלעגן פארשריבן ווערן בלויז יענע קרעדיטן, וועלכע פלעגן אָנקומען דירעקט דער איבערוואנדערישער ווירטשאפט. יענע מיטלען, אָבער, וועלכע מע האָט געדארפט, אף אויסהאלטן דעם אפאראט, אף צו בויען געזעלשאפטלעכע געבײַדעס (שולן, בעדער, אדג.), אף באַוואסערונג אדג. — פלעגן פארעכנט ווערן אין די הויצאָעס פון דער מעלוכע און פון די אנטשפרעכיקע אָרגאניזאציעס. די איבערוואנדערער פון דער צווייטער קאטעגאָריע פלעגן דארפן קויפן אפן אייגענעם כעזשבן איין פערד, לויט דעמלדיקע פרײַזן האָט עס אויסגעמאכט אנערעך בא 150 רובלן אף צו דעקן אַפּע איבעריקע הויצאָעס פלעגן זיי באקומען א פראָצענטיקע הא̈לוואָע אף 17 יאָר. די ערשטע ראטע האָט מען באדארפט אריַינטראָגן אין 5 יאָר ארום נאָך זייער איבערוואנדערן, אָדער, אנדערש גערעדט, פון בעם 5־טן יאָר אָן פלעגן זיי דארפן אויסצאָלן זייער כויוו אין משך פון 12 יאָר.

די איבערוואנדערער פון דער דריטער קאטעגאָריע פלעגן דארפן אריַינ־לייגן אין זייער ווירטשאפט 300 רובל און אײַנקויפן פאר דעם דאָזיקן געלט א פערד און א וואָגן. די איבערוואנדערער פון דער פערטער קאַ־טעגאָריע האָבן געדארפט אריַינלייגן 500 רובל. כוצן פערד און וואָגן פלעגן די איבערוואנדערער פון דער דאָזיקער קאטעגאָריע, דארפן דעקן די קאָסטן פון בויען זייער הויז. בוי־מאטעריאלן פלעגן זיי אויך באקומען אלס האַל־וואָע אף אלגעמיינע יעסוידעס.

די סמעטע אף אײַנאָרדענען איין פאמיליע, נאָכן אראָפּרעכענען די הויצאָעס, וואָס עס נעמט אף זיך די מעלוכע, פלעגט באטרעפן 1300 רובל. די דאָזיקע סומע פלעגט פאנאנדערגעטיילט ווערן אף פאָלגנדיקע פונקטן:

א) אף אויסבויען א הויז מיט א געבײַדע פאר פיר שטיק פי.

ב) אף אײַנשאפן צוויי פערד און צוויי בעהיימעס.

ג) אף אײַנשאפן טויטן אינווענטאר: 1 וואָגן, 1 אקער, 1 באָראָנע אף 2 פאמיליעס, 1 זייעלקע און איין שנײַדמאשין אף 6 פאמיליעס, א דרעש־



מאשין פאר א גאנצן יישעוו, פערד־געשפאן און דעם קלענערן אינווענטאר, די אויך זריע אפן ערשטן זומערדיקן און ווינטערדיקן פארזיי. אף קרעדיט פלעגט מען אויך דורכאקערן מיטן טראקטער די רויערד אָדער די אלטע ברוך־פעלדער. אין יענער צײַט זײַנען נאָך קיין מאשין-טראקטער־סטאנציעס ניט געווען און דאָס אײַנשאפן טראקטערס אף דורכצואקערן די הארטע ערדן, האָט באטײַט — שאפן א מעגלעכקײַט שנעל באהערשן די אלטע ברוך־פעלדער.

די איבערוואנדערער פון דער פינפטער קאטעגאָריע האָבן נאָך באדארפט אײַנשאפן זיך אפן אייגענעם כעזשבן א בעהיימע און אָפּצאָלן מיט מעזומען דעם ווערט פון דער זריע און פון אקערן זייערע פעלדער מיט די טראקטערס.

די איבערוואנדערער פון דער 6-טער קאטעגאָריע פלעגן ניט באקומען קיין שום קרעדיט-הילף אף אײַנצואָרדענען זייער ווירטשאפט. זיי האָבן אָבער אין א גלײַכער מאָס מיט די איבעריקע איבערוואנדערער געהאט דאָס רעכט צו באנוצן זיך מיט געזעלשאפטלעכע האלוואָעס (די אײַנאָרדענונג פון קעז־זאוואָדן, ראסע-ציכטלערישע פונקטן און אנד.).

אין 1926 יאָר, דה. צום סאמע אָנהויב פון דער איבערוואנדערונג, איז נאָך ניט געווען קיין קאטעגאָריע איבערוואנדערער, וואָס האָבן ניט געדארפט אריַינלייגן אין דער ווירטשאפט קיין שום אייגענע מיטלען (ערשטע קאטעגאָריע). בלויז אין 1927 יאָר, ווען די רעגיסטראציע אין די שטעטלעך האָט באוויזן, אז א באדײַטנדיקער שיכט שטעטלדיקער אָרעמקײַט ווײַזט ארויס א גרויסן פארלאנג צו איבערוואנדערן, האָט מען אײַנגעפירט די ערשטע קאטעגאָריע, בא וועלכער מע האָט געפאָדערט בלויז 10 רובל אף צו דערנערן זיך אין וועג בײַסן אריבערפאָרן אף די פאָנדן. פון די וועג־הויצאָעס גופע פלעגט מען געבן להאָטעס. די הויצאָעס פלעגט דעקן דער קאָמערד אפן כעזשבן פון מעלוכע-מיטלען.

די 826 איבערוואנדערישע פאמיליעס, פארעגיסטרירטע פאר די יאָרן 1927—1926, האָבן זיך לויט די אָנגעוויזענע פארמעגן־קאטעגאָריעס געטיילט אף אזא אופן:

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 1־טע קאטעגאָריע . . . | 217 | פאמ. | אָדער | 26,3% |
| 2־″ ″ . . . | 464 | ″ | ″ | 56,2% |
| 3־″ ″ . . . | 116 | ″ | ″ | 14,0% |
| 4־″ ″ . . . | 22 | ″ | ″ | 2,7% |
| 5־″ ″ . . . | 5 | ″ | ″ | 0,6% |
| 6־″ ″ . . . | 2 | ″ | ″ | 0,2% |

אין די שפעטערדיקע יאָרן, ווען די גרונט-אײַנשטעלונג איז געוואָרן די סאמע אָרעמסטע גרופעס פונעם שטעטל, האָט מען אינגאנצן אופ־

געהערט צו נעמען די לעצטע קאַטעגאָריעס. מיטן פאַרקלענערן די צאָל איבערוואַנדערער פון די פאַרמעגלעכע גרופּעס איז געשאַפן געוואָרן א מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן דעם ספּעציפישן געוויכט פון דער ערשטער, דער סאַמע אָרעמסטער גרופּע.

אפ גאָר אַנדערע פּרינציפּן הייבט זיך אָן בויען די איבערוואַנדערונג נאָכדעם, ווי ס'זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן קאָלווירטן. די איבערוואַנדערער הערן אוף צו באַקומען קרעדיטן אפ אייגענע זייער אינדיווידועלעווירטשאַפט. עס ווערן קרעדיטירט בלויז די קאָלווירטן. די איבערוואַנדערער אויסשליסלעך פון די אָרעמסטע שטעטלדיקע שיכטן, באַקומען באַצאָלט מיט נאַטור און מיט געלט, אָפּהענגיק פון די אויסגעאַרבעטע טעג־אַרבעט. דער ווערט פון דער ווינונג ווערט פאַרשריבן אפן אינדיווידועלן כעזשבן פונעם איבערוואַנדערער. אָבער דער טאָג־אַרבעט איז געוואָרן א מין פעסטע קאָלווירטישע וואַליוטע ערשט נאָכדעם ווי די קאָלווירטן האָבן פאַר די לעצטע 2—3 יאָר דורכגעמאַכט א גרויסע אַרבעט אַרום זייער אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעכער פאַרפעסטיקונג, נאָכדעם, ווי מע האָט אָנגעהויבן שטרענג צו דיסקאָנטירן די טעג־אַרבעט לויט דער קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון דער אַרבעט, נאָכדעם ווי ס'זיינען דערגרייכט געוואָרן גרויסע דערפאָלגן אין פראַט פון ליקווידירן די אויסגלייכערייַ און אַנאָנימקע. אין די יאָרן 1929—1932, ווען די קאָלווירטן האָבן נאָך שטאַרק געליטן פון אָרגאַניזאַציאָנעלע דעפעקטן, ווען אונטערן אייַנפלוס פון דער באַלעבעטלדיקער ארומרינגלונג און באַלעגופישער אַגיטאַציע, זיינען נאָך שטאַרק געווען אין די קאָלווירטן די אייגנטימערשע און קעסטשטימונגען, איז ניט לייכט געווען צו באַשאַפן פאַסיקע באַדינגונגען צו פאַרפעסטיקן די איבערוואַנדערער אפ די פעלדן. ס'איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער אָפּפלוס פון די נייַע איבערוואַנדערער, א געוויסער טייל אייַנגעזעסענע איבערוואַנדערער האָבן זיך געוואָלט אומקערן צוריק אין זייער אַלטער היים. אין דער זעלבער צייַט האָט זיך אויך געלאָזט פילן דער אָפּפלוס פון דער טייל איבערוואַנדערער, וואָס איז אַוועק אין דער אינדוסטריע. א באַדייַטנדיקער טייל פון די נייַע איבערוואַנדערער, וואָס מע פלעגט יעדן יאָר צושיקן אין ראַיאָן, פלעגט זיך אויך אומקערן צוריק. ס'האָבן אויך אָנגעהויבן אַוועקפאָרן די איבערוואַנדערער, וואָס זיינען אריבערגעפאָרן אפ די פעלדן אין די ערשטע יאָרן.

שוין דעם 1־טן יאַנוואַר 1931 יאָר זיינען פון 241 איבערוואַנדערישע פאַמיליעס, וואָס זיינען געקומען אין 1926 יאָר, פאַרבליבן בלויז 177 פאַמיליעס. פון 585 איבערוואַנדערישע פאַמיליעס, וואָס זיינען געקומען אין 1927 יאָר, זיינען פאַרבליבן בלויז 347 פאַמיליעס. ווען מיר זאָלן פאַרגלייכן די צאָל איבערוואַנדערער, וואָס האָבן זיך געפונען אפ די פעלדן



אין די יאָרן 1930—1931 מיט דער צאָל, וואָס איז געווען אין די יאָרן פון זייער איבערוואַנדערן, וועלן מיר באַקומען פאָלגנדיקן בילד:

| די יאָרן פון אָנקומען | געווען צום 1931 1/1 | געווען צום 1932 1/1 | ווייניקער געוואָרן פאַר א יאָר: אַבסאָליוט | ווייניקער געוואָרן פאַר א יאָר: אין %% |
|---|---|---|---|---|
| 1926 . . . . . . . . . . | 177 | 143 | 34 | 19,8% |
| 1927 . . . . . . . . . . | 347 | 281 | 66 | 16,1% |
| 1928 . . . . . . . . . . | 207 | 146 | 61 | 29,0% |
| 1929 . . . . . . . . . . | 199 | 146 | 53 | 26,6% |
| 1930 . . . . . . . . . . | 97 | 72 | 25 | 26,8% |
| 1931 . . . . . . . . . . | — | 60 | — | — |
| אָרדערס . . . . . . . | — | 19 | — | — |
| אינגאַנצן . . . . . | 1027 | 867 | 239 | 23,2% |

פון די אָנגעוויזענע 239 פאַמיליעס זיינען פון נייַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן אַוועק 169 פאַמיליעס, און פון די יישובים אין פּאָקראָווסקער ראַיאָן — 80 פאַמיליעס.

צו פרילינג 1934 יאָר איז אין נייַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן אינגאַנצן געווען 717 איבערוואַנדערישע פאַמיליעס. 103 פאַמיליעס פון זיי זיינען געקומען אין 1933 יאָר. דאָס הייסט, אַז פון די פריערדיקע יאָרן זיינען פאַרבליבן 614 איבערוואַנדערישע פאַמיליעס. און צום 1־טן יאַנוואַר 1932 יאָר איז אין נייַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן געווען 639 איבערוואַנדערישע פאַמיליעס. דאָס הייסט, אַז פאַר די לעצטע יאָרן (פון 1932 ביזן 1934) זיינען אַוועקגעפאָרן בלויז 25 פאַמיליעס. דערפון איז צו זען, אַז דער אָפּפלוס פון די איבערוואַנדערער האָט פון 1931 יאָר אָנגעהויבן קלענער צו ווערן.

די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן האָבן זיך אָרגאַניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעך פאַרפעסטיקט. ס'האָבן זיך שוין געלאָזט פילן די רעזולטאַטן פונעם ווירטשאַפטלעכן יאָר. ס'איז אריינגעטראָגן געוואָרן א פולע קלאָרקייט אין דער פאַרטיילונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. די מטס איז געוואָרן א מעכטיקע ענערגעטישע באַזע אפ צו באַאַרבעטן די גאַנצע אַקער־ערד. די קאָלווירטן האָבן ליקווידירט די אויסגלייכערייַ און די אַנאָנימקע, ארויסגעטריבן די באַלעגופים און זייערע

טעלערלעקער און האָבן זיך פעסט געשטעלט אפן וועג פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאפט. נאָר אין א סאך קאָלווירטן, באזונדערס איבערוואנדערישע, פילט זיך א מאנגל אין ארבעטקראפט. דער דאָזיקער מאנגל לאָזט זיך באזונדערס פילן בעשאס דער שניט־קאמפאניע. דער מאנגל אין ארבעטקראפט איז דאָ געוואָרן א פאקטער, וועלכער ווירקט אפ דעם, אז ס'פארקלענערט זיך די עפעקטיווקייט פונעם ווירטשאפטלעכן יאָר. דאָס פארציִען דעם שניט איז פארבונדן מיט גרויסע פארלוסטן. סיי בענעגייע איבערוואנדערישע יִשוּוים, סיי בענעגייע אייניקע אלטע קאָלאָניעס קאָנען דאָס באזעצן זיי מיט נייַע איבערוואנדערער, דאָס באשאפן אלע נייטיקע באדינגונגען אפ צו פארפעסטיקן די דאָזיקע נייַע איבערוואנדערער אפ די פּאָנדן, דינען ווי א ביז גאָר וויכטיקער פאקטער פון ענדגילטיקער אָרגאַניזאציאָנעל־ווירטשאפטלעכער פארפעסטיקונג פון די קאָלווירטן.

אין ראיאָן אנטוויקלט זיך מיט ראשיקע טעמפּן די פיצוכט, די ווייַנגערטנערייַ און אנדערע אינטענסיווע קולטורן. די פלענער פון אנטוויקלען די פעלדצוכט פאָדערן א גרויסע און אָנגעשטרענגטע ארבעט. דער ראיאָן קען בא די דאָזיקע אלע באדינגונגען אריינעמען נאָך 300—400 איבערוואנדערישע פאמיליעס אָדער 600—800 ארבעטפייִקע איבערוואנדערער.

(די טאבעלע „הײַזער און ספּעציעלע ווירטשאפטלעכע געבײַדעס אין
ניַיזלאטאָפּאָלער ראיאָן" זעט אף די זייַטן 42 און 43).

די געבראכטע טאבעלע באווייַזט וויפל ווירטשאפטלעכע און ווינונגגעבײַדעס (כוץ געזעלשאפטלעכע שולן, לייען־שטיבלעך און אנד.) האָט דער ראיאָן.

לויט איינצלנע גרופּעס יִשוּווים זייַנען די ווינונג־הײַזער געווען פארטײלט אפן פאָלגנדיקן אופן:

| גרופּעס יִשוּווים | איינגאנצן פאַם. | איינגאנצן הײַזער | פון זיי: פאר ווינונגען פון קאָלווירטניקעס | פון זיי: פאר אנשטאלטן | פון זיי: פאר אָנגעשטעלטע | פון זיי: ניט פארענדיקטע, פוסטע |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אלטע קאָלאָניעס . . . . . . . . | 999 | 813 | 789 | 14 | 8 | 2 |
| איבערוואנדערישע יִשוּווים . . . | 706 | 624 | 570 | 7 | 38 | 9 |
| אוקראַיִנישע דערפער . . . . . . | 669 | 693 | ניטאָ קיין אָנגאבן | | | |

סיי אין די קאָלאָניעס, סיי אין די איבערוואנדערישע יִשוּווים (ווי עס איז צו זען פון דער טאבעלע), האָבן ניט אלע קאָלווירטניקעס געהאט



באזונדערע ווינונגען. אין א סאך הײַזער ווינען צו 2 פאמיליעס. אין 1931 יאָר, ווען א באדייַטנדיקער טייל איבערוואנדערער איז אוועק פון די פּאָנדן זייַנען א סאך הײַזער געבליבן פוסט. האָט מען א טייל הײַזער צוגעפאסט פאר ווירטשאפטלעכע צוועקן: אלס שטאלן פאר קעלבלעך, כאזיירים אדג. ווען עס איז אין 1933 יאָר אָנגעקומען א נייַע כוואליע איבערוואנדערער, זייַנען פאר זיי ניט געווען צוגעגרייט קיין דירעס. מע האָט זיי געמוזט אייַנאָרדענען אין די פאראנענע ווינונגען. דער אוקראַיִנישער פאָלקאָמערד האָט אין 1932 און אין 1933 יאָר אסיגנירט קרעדיטן אפ צו רעמאָנטירן די פוסט־געבליבענע הײַזער. דעם גרונטיקן ווינונג־פּאָנד פון די איבערוואנדערישע יִשוּווים האָט מען רעמאָנטירט. נייַע ווינונגען האָט מען געבויט ווייניק. די סיבעס דערפון זייַנען געווען פארשיידענע: שוועריקייטן באם קריגן בוי־מאטעריאלן, דער מאנגל אין קרעדיטן אאוו. פאר די לעצטע 2—3 יאָר האָבן די קאָלווירטן מיט שנעלע טעמפּן אנטוויקלט די ווירטשאפטלעכע בויונג. און די גאנצע אופמערקזאמקייט איז אויסגעקומען אָפּצוגעבן אפ צו שאפן מאטעריאלן פאר דעם דאָזיקן ארט בויונג, וועלכער האָט געשפילט א באדייַטנדיקע ראָליע אין דער פארפעסטיקונג פון דער קאָלווירטישער ווירטשאפט.

צום אָנהייב 20־ער יאָרן, באלד נאָכן בירגער־קריג האָבן די אלטע קאָלאָניעס זיך אינטענסיוו גענומען צו ברענגען זייערע הײַזער אין אָרדענונג. אין דער צייַט פון בירגער־קריג, ווען אין אוקראַיִנע האָבן געבושעוועט מאכנאָ און אנדערע באלעגופישע באנדעס האָבן א סאך קאָלאָניסטן פארלאָזט די קאָלאָניעס און זייַנען ארויסגעפאָרן אין שטאָט. ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין די קאָלאָניעס, האָבן זיי געטראָפן א סאך פון זייערע הײַזער צערויִנירטע און צעשטערטע. איינצלנע קאָלאָניעס זייַנען קימאט אינגאנצן פארוואנדלט געוואָרן אין רויִנעס. איינער פון די מיטלען אופצושטעלן די קאָלאָניעס איז געווען דאָס פארנעמען זיך מיט זייער ווילייַנאָרדענונג. די אויסער פלאנאָווע איבערוואנדערער, וועלכע זייַנען אָנגעקומען אין די קאָלאָניעס אין 1924 יאָר און האָבן באקומען קרעדיטן אפ ווינונגבויונג, האָבן פונדאַסנייַ אופגעבויט פוסט־געוואָרענע הײַזער. אויך יענע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן ניט פארלאָזט די קאָלאָניעס, האָבן זיך אויך גענומען צו ברענגען זייערע הײַזער אין אָרדענונג. א געוויסע טייל פון דער אָרעמקייט האָט דערנאָך באקומען ווינונגען אין די הײַזער פון די אנטבאלעגופעווטע.

וועגן דעם אפ וויפל די אלטע קאָלאָניסטן זייַנען געווען באזאָרגט מיט ווינונג־שעטעך און די געוועזענע אינדיווידועלע ווירטשאפטן מיט ווירטשאפטלעכע געבײַדעס—קען מען אורטיילן לויט די אָנגאבן פארן 1927 יאָר. אין 8 קאָלאָניעס פון 11 (אין געוועזענעם זאפּאָראָזשער קרייַז) זייַנען

## הײַזער און ספּעציעלע ווירטשאַפטלעכע [illegible]ײַדעס אין נײַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָן

| באַפעלקערטע פּונקטן | קאָלווירטן | צאָל פאַמיליעס | [illegible] | פון זיי: [illegible] | פון זיי: [illegible] | פון זיי: [illegible] | פון זיי: [illegible] | פון זיי: [illegible] | פערד-שטאַלן: צאָל | פערד-שטאַלן: קעפּ | קי-שטאַלן: צאָל | קי-שטאַלן: קעפּ | שטאַלן פאַר קעלבלעך: צאָל | שטאַלן פאַר קעלבלעך: קעפּ | כאַזירים-שטאַלן: צאָל | כאַזירים-שטאַלן: קעפּ | דערפונג צוגעפּאַסט: צאָל | דערפונג צוגעפּאַסט: קעפּ | סילאָס-געבײַדעס: [illegible] | סילאָס-געבײַדעס: [illegible] | סילאָס-געבײַדעס: טאָן | שפּײַכלערס: צאָל | שפּײַכלערס: אויפנעמיקייט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מײַדאָרף 94 | „8-מאַרט" | 70 | 42 | 1 | 39 | — | 2 | — | 1 | 20 | 1 | 120 | — | — | — | — | 1 | 20 | — | 2 | 60 | 2 | 100 |
| אַרבעטערהיים | „רויטער פּויער" | 62 | 47 | — | 45 | — | 2 | — | — | 35 | — | — | — | — | 1 | 15 | 2 | 50 | — | 1 | 100 | 2 | 100 |
| אָקטיאַבער-פעלד | „אָקטיאַבער" | 85 | 63 | 3 | 53 | 5 | 1 | 1 | 1 | 20 | 1 | 120 | — | — | 1 | 10 | 2 | 50 | — | 3 | 200 | 3 | 200 |
| ראַטן-טאָל | „ראַטנפּויער" | 33 | 29 | — | 29 | — | — | — | 1 | 100 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 40 | — | — |
| מערעזשינקאָ | „א. נ. פון כ׳סטאַלינ" | 70 | 65 | 1 | 64 | — | — | — | — | — | 2 | 220 | — | — | — | — | — | — | — | 3 | 150 | 1 | 100 |
| צענטר. אָקטיאַבער | „פּאָרויס" | 53 | 45 | — | 46 | — | 1 | — | 1 | 30 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 20 | — | — |
| קיפּערפעלד | „נײַלעבן" | 54 | 43 | — | 43 | — | — | — | 1 | 100 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 50 | 2 | 100 |
| מײַפעלד | „10 יאָר קנס" | 30 | 36 | — | 29 | 3 | 4 | — | 1 | 16 | — | — | — | — | — | — | 1 | 16 | — | 1 | 25 | — | — |
| ראַטנדאָרף | „10 יאָר קמס" | 72 | 63 | 1 | 57 | 5 | — | — | — | — | 2 | 240 | — | — | — | — | — | — | — | 5 | 230 | 2 | 140 |
| ראַטנפעלד | „פּאַר. קאָמונע" | 22 | 28 | — | 22 | 1 | 3 | 2 | 1 | 20 | — | — | — | — | — | — | 1 | 20 | — | — | — | — | — |
| האָפענונג | „האָפענונג" | 45 | 44 | — | 38 | 1 | 2 | 3 | 1 | 30 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 80 | — | — |
| ג. 51 טשובאַר | „טשובאַר" | 34 | 37 | — | 34 | — | 3 | 1 | 1 | 24 | — | — | — | — | — | — | 1 | 24 | — | 1 | 25 | — | — |
| פּרײַדאָרף | „ראַטנפעלד" | 76 | 80 | 1 | 72 | 2 | 3 | 2 | 1 | 40 | — | — | — | — | 1 | 50 | 1 | 40 | — | 2 | 100 | 1 | 100 |
| אינגאַנצן אין די איבערוואַנד. ישובֿים | | 706 | 622 | 7 | 571 | 17 | 21 | 9 | 10 | 435 | 6 | 700 | — | — | 3 | 75 | 9 | 220 | — | 24 | 1080 | 13 | 840 |
| נײַזלאַטאָפּאָל | „אוואַנגאַרד" | 10 | 145 | 20 | 105 | — | 20 | — | 1 | 60 | 2 | 150 | — | — | 1 | 50 | — | — | — | 6 | 350 | 3 | 200 |
| וועסיאָליאַ | „ליבקנעכט" | 38 | 35 | — | 35 | — | — | — | 2 | 50 | — | — | — | — | — | — | 2 | 50 | — | 2 | 80 | 2 | 50 |
| ראַסקאָשנאַיאַ | „בעזבאָזשניק" | 60 | 49 | 2 | 49 | — | — | — | 1 | 50 | 1 | 35 | — | — | 1 | 10 | 3 | 95 | — | 3 | 100 | 2 | 75 |
| פּריוטנאַיאַקע | „דזערזשינסקי" | 86 | 67 | 2 | 64 | — | — | — | 1 | 100 | 1 | 124 | 1 | 40 | 1 | 30 | — | — | 1 | 2 | 286 | 4 | 1000 |
| באַוואָדראָווקע | „סאָצדאָרף" | 119 | 112 | 2 | 110 | — | — | 2 | 1 | 90 | 1 | 110 | — | — | 1 | 30 | — | — | 1 | 2 | 190 | 4 | 325 |
| קראַסנאָסיאָלקאַ | „ר. לוקסעמבורג" | 96 | 74 | 1 | 70 | 4 | — | — | 1 | 45 | 1 | 100 | — | — | 1 | 40 | — | — | — | 4 | 200 | 2 | 150 |
| גאָרקאַיע | „פּעטראָווסקי" | 78 | 62 | 2 | 60 | — | — | — | 1 | 50 | 1 | 60 | 1 | 30 | — | — | — | — | — | 3 | 220 | — | — |
| מעזשירעטש | „כאַטאַיעוויטש" | 88 | 68 | 1 | 66 | — | 1 | — | 1 | 60 | 1 | 120 | — | — | 1 | 30 | — | — | — | 2 | 200 | 1 | 400 |
| סלאַדקאָוואָדנאַיאַ | „פּאַבריציוס" | 104 | 62 | 1 | 61 | 1 | — | — | 2 | 100 | 2 | 200 | 1 | 50 | 1 | 50 | — | — | 1 | 4 | 400 | 5 | 300 |
| זלאַטאָפּאָל | „עמעס" | 122 | 90 | 2 | 90 | — | — | — | 1 | 100 | 2 | 200 | — | — | 2 | 60 | — | — | 2 | — | 500 | 5 | 400 |
| נאַדיאָזשנאַיאַ | „פּאָסטישעוו" | 98 | 80 | 1 | 78 | 2 | — | — | 1 | 70 | 1 | 40 | — | — | — | — | — | — | — | 2 | 30 | 3 | 125 |
| אינגאַנצן אין די קאָלאָניעס | | 999 | 844 | 34 | 788 | 7 | 21 | 2 | 13 | 775 | 13 | 1139 | 3 | 120 | 9 | 300 | 5 | 145 | 5 | 30 | 2556 | 31 | 3025 |
| כוטאָר קוזי | „סכיד" | 29 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — |
| ראַסאָווקע | „קאָמונאַר" | 123 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 4 | 130 | — | — | — |
| וואָראָשילאָווקע | „נאָווא זשיטיאַ" | 325 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 7 | 350 | — | — | — |
| " | „טשערוו. פּאַרט" | 90 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 4 | 150 | — | — | — |
| " | „פּערעמאָגאַ" | 102 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 1 | 70 | — | — | — |
| אינגאַנצן אין די אוקראַיִנישע דערפער | | 669 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | 16 | 700 | — | — | — |
| אינדיווידואַלן | | 34 | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — | — |

געוועז צום 1־טן יאַנוואַר 1928 — 783 ווירטשאַפטן. וווינונג-געביידעס איז געווען 592, דערבײַ הײַזער — 489, ערד־הײַזקעס — 103. 191 ווירטשאַפטן האָבן ניט געהאַט קיין וווינונג-געביידעס. 147 ווירטשאַפטן האָבן געהאַט צו איין ווירטשאַפטלעכע געביידע. 34 ווירטשאַפטן האָבן געהאַט צו צוויי און מער ווירטשאַפטלעכע געביידעס. 622 ווירטשאַפטן האָבן אינ־גאַנצן קיין ווירטשאַפטלעכע געביידעס ניט געהאַט, דאָס הייסט, אַז 24 פּראָ־צענט האָבן ניט געהאַט אינגאַנצן קיין אייגענע וווינונג-געביידעס און זײַ־נען געווען געצוווּנגען צו דינגען פאַר זיך דירעס. ווירטשאַפטלעכע געביידעס, כּוץ אַ שטאַל פאַר פי, וועלכער פלעגט זיך אין די אינדיווידועלע ווירט־שאַפטן געוויינלעך געפינען לעבן שטוב, האָבן די געוועזענע אינדיווידועלע ווירטשאַפטן אין די קאָלאָניעס, געהאַט אויך ביז גאָר ווייניק. 79 פּראָצ. ווירטשאַפטן האָבן ניט פאַרמאָגט קיין באַזונדערע ווירטשאַפטלעכע געביידעס אָפּ צו אופהאַלטן אין זיי דעם טויטן אינווענטאַר, פאַרשיידענעם פיטער, קערנער אאַוו. אַלס שײַער פאַר טווע פלעגט דינען דער בוידעם, און די מאַשינעס, געצײַג, און לאַנדווירטשאַפטלעכן אינווענטאַר פלעגט אויס־קומען צו האַלטן אונטערן אָפענעם הימל אַ קײַלעכדיק יאָר.

ניט היימלעך פלעגן דאַן אויסזען די גאַסן פון אייניקע קאָלאָניעס. באַגלײַך מיט די אַלטע הײַזלעך און ערד-הײַזקעס פלעגן גאַדלעסדיק זיך אויסטיילן די גרויסע ראַכוועסדיקע הײַזער פון די באַלעגופים מיט זייערע פּילצאָליקע בײַהויפיקע געביידעס. דער נײַער קאָלווירטישער דאָרף האָט שוין באַוויזן אָנצונעמען אַן אַנדער אויסזען, וועלכער באַווײַזט ווי גיך עס וואַקסט די פאַרמעגלעכקײַט פון די קאָלווירטניקעס.

שוין איצט קאָן מען פאַרצייכענען אין ראַיאָן פאָלגנדיקע צאָל קאָל־ווירטישע ווירטשאַפטלעכע געביידעס:

| גרופּעס יִשוּוים | פערד־שטאַלן | | שטאַלן פאַר בהיימעס | | פאַר קעלב־לעך | | כאַזיירים־שטאַלן | | סילאָס־געביידעס | | | שײַערס | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | צאָל בנינים | צאָל שטיק | צאָל בנינים | צאָל שטיק | צאָל בנינים | צאָל שטיק | צאָל בנינים | צאָל שטיק | [illegible] | [illegible] | צאָל טאָן | צאָל בנינ׳ | צאָל טאָן |
| קאָלאָניעס . . . . | 13 | 775 | 13 | 1139 | 3 | 170 | 14 | 445 | 5 | 30 | 2556 | 31 | 3055 |
| איבערוואַנד. קאָל־ווירטן . . . . | 10 | 485 | 6 | 700 | — | — | 12 | 295 | — | 24 | 1080 | 13 | 814 |

אין די אוקראַינישע דערפער געפינען זיך די קאָלווירטישע פי־הויפן אין די ראַכוועסדיקע ווירטשאַפטלעכע געביידעס פון די אַנטבאַלעבּוּפעוועטע



ווירטשאַפטן, אַנדערש איז אָבער אין די קאָלאָניעס און אין די איבערוואַנ־דערישע יִשוּוים. דאָ זײַנען קימאַט אַלע ווירטשאַפטלעכע געביידעס אָפּגעבויט פאַר די לעצטע 2 — 3 יאָר. בלויז די שטאַלן פאַר קעלבלעך און אַ טייל כאַזיירים־שטאַלן האָט מען אײַנגעאָרדנט אין וווינונגען, וואָס האָבן געפּוסטעוועט. מיט דער גרייס פון דער פי־סטאַדע וועלן מיר זיך באַקאַנען אינעם ווײַטערדיקן קאַפּיטל וועגן פיצוכט. דאָ וועלן מיר בלויז פאַרצייכענען, אַז אין אייניקע קאָלווירטן זײַנען די פי־שטאַלן אַזוי גרויס, אַז זיי קאָנען אַרײַננעמען ניט בלויז די פאַראַנענע סטאַדע, נאָר זיכערן אויך דעם נאַטירלעכן צוּוואוּקס פון דער סטאַדע אָפּ די נאָענטסטע 1—2 יאָרן. די פונדאַמענטאַלע, פעסט־געבויטע ווירטשאַפטלעכע געביידעס דינען אין דער גרויסער קאָלווירטישער ווירטשאַפט, ווי אַ נאַטירלעכע דערגאַנצונג צו די ברייטע פעלדמאַסיוון, צו דער מעכטיקער ענערגעטישער באַזע, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די מטס, צו די גרויסע פי־סטאַדעס. זיי זײַנען דער פאַרקערפּערטער אויסדרוק פון דער קאָלווירטישער פאַרמעג־לעכקײַט, פון דעם מעכטיקן ווירטשאַפטלעכן אופבלי פונעם קאָלווירטישע דאָרף. ס׳איז קעדײַ צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם, אַז אין די לעצטע 2 — 3 יאָר גייט באַזונדערס אינטענסיוו דאָס אײַנבירגערן סילאָס־פיטער אין ראַיאָן. די פריִערדיקע פּרוּוון פון די אַגראָנאָמען צו אײַנבירגערן דעם סילאָס אין דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט, האָבן ניט געקאָנט האָבן קיין דערפאָלג. ס׳קאָן אָבער ניט זײַן קיין רייד וועגן אַ ברייטער קאָלווירטישער פיצוכט אָן אַ פעסטן רעזערוו זאַפטיקע פיטערס אינעם פיטער־ראַציאָן פון דעם מילך־פי. די אופנאַם־פייִקײַט פון אַלע סילאָס־געביידעס אין ראַיאָן (צוזאַמען מיט די אוקראַינישע קאָלווירטן) גיט שוין בא הײַנטיקן טאָג אַ מעגלעכקײַט פאַרגרייטן 4,5 טויזנט טאָן סילאָס.

אין די קאָלווירטן האָבן זיך באַוויזן שטאַלן, שײַערס, עס וואַלגערט זיך שוין אויך ניט דער קאָלווירטישער אינווענטאַר אונטערן פרײַען הימל, שוין אָפּגעראַמט וועגן מאַשינען-פּאַרק פון דער מ.ט.ס. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז נאָך ווײַט ניט אַלץ אין אָרדענונג, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַסאַך וואָס צוצוגעבן, פאַרענדיקן און איבערמאַכן. נאָך ניט אין אַלע קאָלווירטן געפינט זיך דאָס גוט וואַסער אין דער נאָענט צו די הויפן. מע דאַרף נאָך אַרײַנלייגן מיטלען אין וואַסער-באַזאָרגונג, אין מעכאַניזירן דאָס דערלאַנגען וואַסער. מע דאַרף נאָך פאַרגרעסערן די צאָל סילאָס־געביידעס. מע דאַרף נאָך דורכפירן אַ ריי מאָסמיטלען צו וווילײַנאָרדענען די הויפן, די גאַסן אאַוו. מע דאַרף אײַנפלאַנצן ביימער און קוסטעס אָפּ די קאָלווירטישע גאַסן. די וואָס מע האָט פאַרפלאַנצט אין די פריִערדיקע יאָרן, באַפרידיקן שוין ניט די אויסגעוואַקסענע באַדערפעניִשן און פאָדערונגען פון די קאָלווירטניקעס. מע דאַרף אויך פאַרבעסערן דאָס אַרומגיין אַרום

זיי, די דאָרפֿראַטן גיבן נאָך ניט אָפּ קיין גענוגנדיקע אויפֿמערקזאַמקייט די פֿראַגן פֿון וווילאײַנאָרדענונג. אין אסאַך פּונקטן פֿון ראיאָן זײַנען פֿאַראַן מינים ליים, פֿון וועלכע מע קאָן מאַכן געברענטע ציגל. און די קאָלווירטן זײַנען שוין גענוג רײַך, זיי זאָלן קאָנען אָרגאַניזירן די ציגל־פּראָדוקציע אויפֿן אָרט, קעדיי מע זאָל קאָנען אויף דער באַזע צוטרעטן צו א ברייטער וווינונג — און קולטור־שטייגערישער בויונג.

וואָס איז שייַך די טיפּן וווינונג־הײַזער, איז אין דער דאָזיקער הינזיכט פֿאַראַן אַן אונטערשייד צווישן די אַלטבאַוווינטע פּונקטן אין די קאָלאָניעס, אוקראַיִנישע דערפֿער פֿון איין זײַט און איבערוואַנדערישע יישובֿים, פֿון דער אַנדערער זײַט. אין די ערשטע דאָמינירט א מין בונטקײַט. באַגלײַך מיט גרויסע הײַזער באַגעגנט איר קליינע הײַזלעך. אין איין שורע מיט הײַזער שטייען ערד־הײַזקעס. די דעכער זײַנען באַדעקט מיט דאַכלקעס און שטרוי, זעלטן מיט שינדלען אָדער בלעך. די ווענט זײַנען פֿון „לאַמפּאַטש" — דאָס איז א מין רויער ציגל, געטריקנט אין דרויסן. אין דער גאַנצער געגנט, אין צענדליקער דערפֿער, שטייען אָפּ אַזעלכע הײַזער גאַנצע יאָר — צענדליקער. מע דאַרף בלויז יעדן יאָר אַרומשמירן די הײַזלעך פֿון אויסווייניק. די פּאָדלאָגע איז אַן ערדענע. געוויינלעך איז זי צוגעדעקט מיט רעדנעס. הילצערנע פּאָדלאָגעס באַגעגנט מען זעלטן. מ'טרעפֿט זיי בלויז אין די הײַזער פֿון די געוועזענע באַלעגופֿים. די אַלטע קאָלאָניעס שטעלן מיט זיך אין גרעסטע טייל פֿאָר איין ברייטע גרויסע גאַס מיט הויפֿן, וועלכע פֿאַרנעמען א גאַנצן העקטאַר און מערער.

די איבערוואַנדערישע יישובֿים, וועלכע זײַנען אויסגעבויט געוואָרן אין מעשעך פֿון 2 — 3 יאָר, זײַנען לויטן נײַעם טיפּ, לויט דער גרייס פֿון די הײַזער, זייער ענלעך איינע צו די אַנדערע. אין גרעסטן טייל שטעלן זיי מיט זיך פֿאָר ניט איין לאַנגע אויסגעצויגענע גאַס, ווי די אַלטע קאָלאָניעס, נאָר צוויי פּאַראַלעלע גאַסן, די הויפֿן געווענדעט איינע צו די אַנדערע. א טיפּיש איבערוואַנדעריש הויז זעט אויס אַזוי: די לענג — 15 אַרשין, די ברייט — 9 אַרשין, די הייך פֿון די ווענט — 4 אַרשין. בוי־מאַטעריאַלן — הויפּטזאַכלעך „לאַמפּאַטש", ערטערווײַז — ליים, בעטאָן. די דיק פֿון די ווענט — 12 ווערשקעס. דער דאַך איז א צוויי־פּאַכיקער, פֿון שוואַרצן געפֿאַרבטן בלעך. דער בוידעם האָט צוויי פֿראָנטאָנען פֿון שאַלעוקעס.

די סטעליע — פֿון אַבאַפּאָל אָדער פֿון דריטן סאָרט ברעטער. פֿון אונטן איז עס באַשמירט מיט ליים, פֿון אויבן — מיט א אָנדעק פֿון ליים און שטרוי. א קאַפּיטאַלע וואַנט טיילט דאָס הויז אויף 2, ניט קיין גלײַכע טיילן — דער גרעסערער — דאָס איז די דירע, דער קלענערער איז באַשטימט פֿאַרן פֿי. די דירע באַשטייט פֿון א צימער, א קיך און א פּאָדער



צימער, די פּאָדלאָגע אין דער דירע איז פֿון ליים. אַן אויוון איז פֿאַראַן איינער. אין דער דירע זײַנען פֿאַראַן 4 פֿענצטער, 1 דרויסנדיקע טיר. אינווייניק זײַנען דאָ 3 טירן: אין צימער, אין קיך און אין דער פֿערד־שטאַל. אַזאַ טיפּ הויז איז אויסגערעכנט אויף דעם, מע זאָל קאָנען פֿאַרברייטערן די וווינונג, פֿאַרוואַנדלענדיק דעם פֿערד־שטאַל אין א וווינונג־צימער. פֿאַר פֿי בויט מען אין אַזאַ פֿאַל צו א שטעלכל לענגויס דאָס הויז. דער איבערוואַנדערישער יישובֿ, מיט זײַנע ברייטע גלײַכע גאַסן, מיט די איינטיפּיקע באַקוועמע געבײַדעס, לאָזט איבער א גוטן אײַנדרוק. אינמיטן זײַנען אויסגעטיילט 2 — 3 הויפֿן פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכע געבײַדעס. אין איין הויף איז שוין אויסגעבויט א שול, א גרויסע געבײַדע פֿון געברענטן ציגל, מיט אסאַך גרויסע, ליכטיקע פֿענצטער און הילצערנע פּאָדלאָגעס. אין איניקע גרעסערע יישובֿים איז אין צווייטן הויף אויפֿגעבויט א קעז־זאַוואָד, דאָס איז אויך א גרויסע ציגלנע געבײַדע, מיט אַן אײַז־קעלער אויף צו האַלטן דעם קעז, מיט ליכטיקע ברייטע צימערן פֿאַר איבעראַרבעטן דאָס מילך. אין די צימערן שטייען בלאַנקענדיקע קעסלען, בײַ די ווענט זײַנען צעשטעלט עטלעכע צענדליק ווײַסע אָפּגעצינקעוועטע קריגלעך, א גרויסער סעפּאַראַטער, א פּוטער־פֿאַס, א פּרעסנעס, פֿאַרשיידענע פֿאָרמעס פֿאַר קעז. אויפֿן מיט, אויף די פּאָליצעס און אויף די ווענט געפֿינט זיך פֿאַרשיידענער אינווענטאַר און די אַפּאַראַטור אויף צו באַשטימען דעם פּראָצענט פֿעטס אין מילך.

אַביסל ווײַטער, נאָר אויך נאָענט צום צענטער פֿונעם יישובֿ, געפֿינען זיך די נײַ־אויסגעבויטע פֿי־הויפֿן, די פֿערד־שטאַלן. דאָ געפֿינען זיך אויך די סילאָס־טראַנשייעס, דער ברונעם. אינמיטן גאַס געפֿינט זיך אַן אויסגעבעטאָנירטער ברונעם, א קאָלאָנקע מיט א מעכאַניזם צו דערלאַנגען וואַסער, אָדער פּראָסטע שאַכטע־ברונעמס, צו דרײַ אויף א גאַס. גאַנץ באַזונדער שטייט דער קאָלווירטישער הויף. דאָרט געפֿינט זיך דער אינווענטאַר און קאָלווירטישע שמידערײַ.

מע דאַרף זאָגן, אַז אין דעם פּראָצעס פֿון באַזעצן די נײַע פּוסטע ערדן פֿון די איבערוואַנדערישע פֿאָנדן, האָט די בויונג מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם סאַמע שווערסטן טייל פֿון דער אַרבעט. דעם איבערוואַנדערער איז ניט לײַכט דעם ערשטן יאָר זיך פֿאַרנעמען סײַ מיט אַרבעט אין פֿעלד, סײַ בויען פֿאַר זיך א הויז. ער האָט אַליין באַדאַרפֿט ברענגען פֿון פֿאַר צענדליקער קילאָמעטער די נייטיקע מאַטעריאַלן, קריגן בוי־אַרבעטער א א וו. אין א סאַך פֿאַמיליעס פֿלעגן די מענער, פֿרויען און קינדער זיך באַטייליקן אינעם צוגרייטן „לאַמפּאַטש" — דעם רוי־ציגל. זיי פֿלעגן אַליין גראָבן ליים, צופֿירן וואַסער, פֿאַרקנעטן ליים, מאַכן ציגל צופֿירן וואַלד־מאַטעריאַלן און דערלאַנגען דעם מאַטעריאַל צו דער בויונג. זיי זײַנען געקומען אויף א פּוסטן אָרט, געלעבט אין צײַטווײַליקע באַראַקעס פֿון ברעטער,

געבאקן ברויט אין א וואנט-אויוון, געקאָכט דאָס עסן אין קעסלעך, וואָס האָבן געהאנגען איבער גריבער. און דעם ערשטן יאָר פון דער איבערוואנדערונג, אין 1926 יאָר, האָט זיך בלויז אײַנגעגעבן צוטרעטן צו דער בויונג. אין מעשעך פון דעם יאָר האָט מען אויסגעבויט בלויז 18 הײַזער. אָבער דערפאר האָט די בויונג אין 1927 יאָר זיך שוין פאנאנדערגעוויקלט אין 11 יישווים, און צו הארבסט צו איז שוין געווען אויסגעבויט 376 הייזער. איינצלנע יישווים האָבן שוין צו דער דאָזיקער צײַט באקומען א ווילײַנגעאָרדנטן אויסזען. אפן באצירק ב/100 האָט מען אויסגעבויט 64 הײַזער, אפן באצירק 90 — אויך אזוי פיל. אפן באצירק 2 פמ — 51 הײַזער. אפן באצירק 2 סק — 39 הײַזער, און אין א ריי אנדערע צו 20-25-30 הײַזער.

די בויונג איז פאָרגעזעצט געוואָרן אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן — 1928—1929. אינגאנצן זײַנען אין 22 יישווים פון איצטיקן נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָן, און אין די 5 יישווים פונעם שכײַנישן פּאָקראָווסקער ראיאָן, אויסגעבויט געוואָרן 1044 הײַזער. שפּעטער האָט מען אין די ליקווידירטע יישווים אראָפּגענומען די הײַזער. א טייל פון זיי האָט מען צוגעפּאסט פאר קאָלווירטישע פערד־שטאלן, פאר קעלבלעך-און כאזיירים־שטאלן. עטלעכע הײַזער האָט מען צוגענומען פאר אנשטאלטן (דאָרפראטן, קאָאָפּעראטיוון) און פאר די קאָנטאָרן פון די קאָלווירטן. נאָכדעם, ווי אין 1931 יאָר איז א טייל איבערוואנדערער אוועקגעפאָרן, זײַנען זייערע הײַזער געבליבן שטיין פוסטע. איצט זײַנען אלע הײַזער פארנומען דורך נײַע איבערוואנדערער. די פאראנענע הײַזער באפרידיקן שוין אָבער ניט די באדערפענישן. אין א סאך הײַזער וווינען צו צוויי פאמיליעס. פון דער אנדער זײַט, קאָנען אָבער א סאך קאָלווירטן אופנעמען נײַע איבערוואנדערער. פאר די איבערוואנדערישע יישווים שטייט אלזאָ די פראגע וועגן דער ווײַטערדיקער הײַזער־בויונג.

## קאָלווירטישע פעלדצוכט

אין נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָן, אין די קאָלאָניעס זעלאָנאָפּאָליע און סלאדקאָוואָדנאיא, זײַנען נאָך פון 1923 יאָר געווען 4 קאָלווירטן. אפן אלגעמיינעם פאָן פון דער צעשפּליטערטער אינדיווידועלער ווירטשאפט מיט א שארף אויסגעדריקטער קלאסן-דיפערענצירונג, מיט א גרויסן פּראָצענט ווירטשאפטן, וואָס האָבן ניט געהאט ניט קיין פערד, ניט קיין לאנדווירטשאפטלעכן אינווענטאר, וואָס פלעגן ווייניק וואָס פארזייען, האָבן די דאָזיקע קאָלווירטן זיך אויסגעטיילט מיט זייער ווירטשאפטלעכער מעכטיקײַט. די גרויסע פארזיי־שעטעכס, די גוט אוסגעפאשעטע פי, די הויכע סכוירעדיקײַט פון די דאָזיקע קאָלווירטן, די הויכע גערעטענישן פלעגן צוציִען צו זיי די אויפמערקזאמקײַט סײַ פון די נאָענטסטע קאָלאָניסטן, סײַ פון



די פויערים אין די שכײַנישע דערפער. די ערשטע איבערוואנדערער, וועלכע האָבן זיך באזעצט אין די קאָלאָניעס אין 1924 יאָר, האָבן אויך בעפירט זייער ווירטשאפט אפ קאָלעקטיווע יעסוידעס. אָבער דאָס זײַנען געווען שוואכע ארטעלן, אָן דער געהעריקער ארבעט-דיסציפּלין, אָן א ריכטיקן דיסקאָנט. קיין קאָמפּליצירטע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס זײַנען אין ראיאָן צו יענער צײַט נאָך ניט געווען. קעדיי צו אויסדרעשן די גערעטעניש פון די הונדערטער העקטאר ערד, וואָס זיי פלעגן פארזייען, האָבן די דערמאָנטע פיר ארטעלן געמוזט דינגען דרעש־מאשינעס בא די באלעבאטים פון די שכײַנישע דערפער. יעדער ארטעל האָט פארמאָגט 1—2 טראקטערס.

דאָס זײַנען געווען די ערשטע שוואלבן פון דער נײַער קאָלווירטישער אָרדענונג. ס'איז אָנגעקומען דאָס 1929 יאָר. דער לאָזונג פונעם 15־טן פּארטיי־צוזאמענפאָר וועגן דער סאָציאליסטישער איבערבויונג פון דער לאנדווירטשאפט, אפ דער באזע פון קאָלעקטיוויזאציע, האָט אָנגעהויבן פארווירקלעכט ווערן. דער באלעגופּ און זײַנע אגענטור האָבן אָנגעהויבן ארויסצווײַזן אן אָפּענעם און פארביטערטן ווידערשטאנד. 2 יאָר נאָכאַנאַנד, אין די יאָרן 1927—1928 און 1928—1929, זײַנען אין ראיאָן אומגעקומען די ווינטער-פארזייונגען. דער באלעגופּ, וועלכער האָט געהאט איבעריק ברויט אפן כעושבן פון די ערדן, וואָס ער האָט ארענדירט בא די אָרעמע פויערים, האָט באהאלטן זײַן ברויט און עס פארוואנדלט אין א מיטל פאר אונטערערדישער עקספּלואטאציע. די אזוי גערופענע „עקספּאָרט"־ווירטשאפטן, וועלכע פלעגן באקומען גרויסע פארגעבונגען בײַם די ברויט־פארגרייטונגען, האָבן אָפן אָנגעהויבן אויסצודריקן זייער אומצופרידנקײַט. די פּארטיי־טוער, וועלכע האָבן דורכגעפירט די ברויט־פארגרייטונגען אין 1929 יאָר, האָבן זיך ניט געפילט זיכער מיט זייער לעבן. די נעקאָמע פונעם באלעגופּ איז געווען יעדע מינוט גרייט אויסצוברעכן. דער קלאסן־קאמף אין דאָרף האָט אָנגעהויבן אָנצוּוואקסן מיט שנעלע טעמפּן. דער אמערסטן באוווסטזיניקער און פאָרגעשריטענער טייל פון די אָרעם־און מיטל־פויערים האָבן שוין אפן בײַשפּיל פון די עקזיסטירנדיקע אין ראיאָן קאָלווירטן געזען די מײַלעס פון דער גרויסער קאָלעקטיווער ווירטשאפט. עמעס, די דאָזיקע קאָלווירטן זײַנען נאָך צו יענער צײַט געווען שוואך און פלעגן זיך צעפרעסן ווערן פון די דאָזיקע ווידערשפּרוכן, ווײַל דער באלעגופּ, האָט פארמאסקירטערהייט זיך שוין באוויזן ארײַנצוקריגן אין קאָלווירט. אָבער דערפילנדיק די קראפט פון דער קאָלעקטיוויזאציע, האָבן די עקזיסטירנדיקע קאָלווירטן ארויסגעוואָרפן פון זייערע רייען די פאלשע קאָלעקטיוויסטן, געוועזענע באלעגופּים און זייערע טעלער־לעקער, האָבן אָנגעהויבן ארגאניזאציאָנעל־ווירטשאפטלעך זיך צו פארפעסטיקן און צו וואקסן. קאָל-

ווירטן אָרגאַניזירן זיך אָט אין איינעם און אָט אין א צווייטן דאָרף. צו
דער פֿרילינגדיקער פֿאַרזײ־קאַמפּאַניע פֿון 1929 יאָר זײַנען אין די קאָלווירטן
פֿונעם ראיאָן שוין געווען 342 ווירטשאַפֿטן, דאָס הייסט — 13,6 פּראָצענט
פֿון אַלע ווירטשאַפֿטן אין ראיאָן. צו האַרבסט 1929 יאָר זײַנען שוין 18
פּראָצענט ווירטשאַפֿטן געווען אין די קאָלווירטן. שטורמיש איז אָנגעוואַקסן די
קאָלעקטיוויזאַציע אין 1930 יאָר. צום 1-טן יאַנוואַר 1931 יאָר זײַנען שוין
געווען אָרגאַניזירט קאָלווירטן אין אַלע באַווינטע פּונקטן פֿונעם ראיאָן.
אין די קאָלווירטן זײַנען שוין געווען 1227 ווירטשאַפֿטן, אָדער 49 פּראָ-
צענט. די טעמפּן פֿון דער קאָלעקטיוויזאַציע האָרן ניט אויף צו וואַקסן
אויך אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 1931 יאָר. די פֿאַרבליבענע אינדיווי-
דועלע ווירטשאַפֿטן האָבן בעשאַס דער פֿרילינג־קאַמפּאַניע פֿון 1931 יאָר
בעקאָנט שוין באַשײַמפּערלעך זען די גאַנצע מעכטיקייט און לוינבאַרקייט
פֿון דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפֿט. זיי האָבן שוין געזען גאַנצע קאָלאָנעס
טראַקטאָרס, אַקערנדיק די ברייטע סטעפּישע פֿליינען. ווײַט האָבן זיך גע־
שפּרייט די גרינע פֿעלדער היפּש אויפֿגעאַנגענע קאָלווירטישע טווּע. די
קאָלווירטישע פֿעלדער האָבן זיך ראַכוועסדיק געשפּרייט, ווי ווײַט דאָס
אויג האָט געקאָנט פֿאַרנעמען. ווי נעבעכדיק האָבן אין פֿאַרגלײַך מיט זיי
אויסגעזען די שמאָלע פּאַסיקלעך פֿעלד פֿון די אינדיווידואַלן. אויף די קאָל-
ווירטישע פֿעלדער האָבן אין די צענדליקער געזשומעט די שנײַד-מאַשינעס.
בריגאַדעס קאָלווירטניקעס האָבן געאַרבעט אין סטעפּ. זיי האָבן געהאָלפֿן
מאַשינעס. אַז ס׳איז געקומען דער שניט, האָבן די דרעש-מאַשינעס פֿאַר־
הילכט די לופֿט און פֿורן ברויט האָבן זיך געצויגן צײַען אויף די וועגן.
דער גורל פֿון דער אינדיווידועלער ווירטשאַפֿט איז שוין געווען אַנטשלאָסן.
באָכן פֿאַרענדיקן די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע האָבן די באַלעגופֿים אין
די איבערוואַנדערישע ייִשובֿים, פֿאַרגעשטעלט מיט זיך נעבעכדיקע רעשט-
לעך. אָבער דער קאַמף קעגן זיי איז פֿאַרגעזעצט געוואָרן. פֿון 1931 יאָר
זײַנען אין די קאָלווירטן שוין געווען 1930 ווירטשאַפֿטן אָדער 89,2%
און צום אָנהייב פֿונעם 1932 יאָר איז די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע
שוין קימאַט אינגאַנצן געווען פֿאַרענדיקט און האָט דערגרייכט ביז 96%
אין די קאָלווירטן האָבן זיך שוין גערעכנט 2406 ווירטשאַפֿטן. דער ראיאָן
האָט פֿאַרענדיקט דעם גראַנדיעזן איבערגאַנגס-פּראָצעס צו דער נײַער
קאָלווירטישער אָרדענונג. אין דער פּערספּעקטיוו האָבן זיך אָנגעמערקט
נײַע אויפֿגאַבן, ווי, למשל, פֿאַרפֿעסטיקן די קאָלווירטן, ענדגילטיק צו
ליקווידירן די רעשטלעך פֿונעם ניט דערשלאָגענעם קלאַסנפֿײַנט, דערציִען
אין די קאָלווירטניקעס דעם איינהײַטלעכן ווילן צו קאָלווירטישער אַרבעט,
פֿאַרפֿעסטיקן די נײַע פּראָדוציר־פּראָצעסן. די נײַע אַרבעטס־פֿאָרמען: סאָצגע-
וועט און שלאָגלערײַ, האָבן אָנגעהויבן אָננעמען קאָנקרעטע פֿאָרמען באַם



אָרגאַניזירן די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקציע. די נײַע אַרבעט-
העלדן זײַנען געוואָרן באַליבט און כאָשעווע און זייערע נעמען
האָט געוווּסט א יעטווידער קאָלווירטניק. ווער האָט פֿריִער געלייגט אַכט
אויף אַן אַלמאָנעס א זון, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פֿון דער רויטער
אַרמיי, ווער האָט זיך מיט אים גערעכנט? און איצט, צום צווייטן באָל־
שעוויסטישן פֿרילינג, איז ער דער ערשטער אַרויסגעפֿאָרן מיט זײַן ברי-
גאַדע אין סטעפּ. ער האָט פֿאַרויסגעזען אַלע קלייניקייטן. זײַנע טראַקטערס
האָבן געאַרבעט אָן איבעררײַסן. יעדער בריגאַדניק איז געווען בא אים
אויפֿן אָרט. די דאָזיקע בריגאַדע האָט די ערשטע פֿאַרענדיקט דעם פֿרילינג-
פֿאַרזיי. די פֿאַמיליע פֿונעם בריגאַדיר, און די פֿאַמיליעס פֿון די בעסטע
קאָלווירטניקעס, זײַנען פֿאַרשריבן געוואָרן אויף דער רויטער ברעט, וואָס
אינמיטן גאַס, באַם אויספּירקאָם, אין דער ראיאָנער צײַטונג „קאָלווירט־
שטערן“ אַאַוו. די אַרבעט־העלדן זײַנען געוואָרן באַוווּסט דער גאַנצער
באַפֿעלקערונג פֿונעם ראיאָן. אפֿילו די צענטראַלע פּרעסע פֿלעגט פֿאַרצייכענען
די העלדישע ענטוזיאַסטישע אַרבעט פֿון די בעסטע קאָלווירטניקעס שלאָג-
לער.

ווער האָט פֿריִער געוווּסט און געקענט דעם קליינשטעטלדיקן פֿורמאַן
אָדער דעם וואַסערפֿירער, ווער האָט געהאַט א פֿאַרשטעלונג וועגן דער
טוּועזענער דינסט בא א טשערקאַסער סויכער, אַן אָרעם ייִדיש מיידל, א
טאָכטער פֿון א שטעטלדיקן אָרעמאַן, וועלכער פֿלעגט אין א מאַרק־טאָג
פֿאַרקויפֿן פֿיש פֿאַר גאַנצע... 50 ׳רובל. איצט זײַנען זיי קאָלווירטניקעס און
די בעסטע שלאָגלער. זייער שטאָלץ איז — זייער פּינקטלעכע און אויסגע־
צייכנטע אַרבעט. זיי זײַנען אָפּגעברענט פֿון דער סטעפּ-זון און אָרומגע־
ווייט פֿון די סטעפּ-ווינטן. זיי האָבן ליב די קאָלווירטישע ערד. און ווען
עס ווערט צונויפֿגערופֿן א צונויפֿפֿלי פֿון שלאָגלער-קאָלווירטניקעס, זײַנען
זיי די ערשטע און די אַקטיווסטע. אָט אַזוי שמידן זיך אויס נײַע מענטשן
אין קאָלווירטישער אַרבעט.

דער נײַזלאָטאָפּאָלער ראיאָן האָט אויף א שלאָגלערישן אופֿן דורכגע־
פֿירט אין 1932 יאָר דעם פֿרילינג־פֿאַרזיי. אין דעם סאָצגעוועט צווישן
אַלע פֿיר ייִדישע נאַציאָנאַלע ראיאָנען, וואָס עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן
מיט דער איניציאַטיוו פֿון דער צענטראַלער צײַטונג „עמעס“, האָט דער
נײַזלאָטאָפּאָלער ראיאָן פֿאַרנומען דאָס ערשטע אָרט און האָט באַקומען
די רויטע איבערגייענדיקע פֿאָן. דער נײַזלאָטאָפּאָלער ראיאָן איז געווען
איינער פֿון די 6 ראיאָנען אין דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנט, און פֿון צוויי
צענדליק פֿון גאַנץ אוקראַיִנע, וואָס האָבן די ערשטע פֿאַרענדיקט דעם
פֿרילינג-פֿאַרזיי. דער קאָלווירטישער דאָרף אין נײַזלאָטאָפּאָלער ראיאָן האָט
זיך פֿעסט געשטעלט אויפֿן סאָציאַליסטישן וועג.

אין 1932 יאָר האָט דער ראַיאָן געהאַט צו פאַרצייכענען א רייִ דער־
גרייכונגען אין פראַט פון באַהערשן די אַקערפייִקע ערד-שעטעכס. פאַר א ראַיאָן, ווו 18—20 טויזנט העקטאַר פאַרנעמען איבעוואַנדערישע ישוווים, וואָס זײַנען אַקאָרשט צום ערשטן מאָל איבערגעגאַנגען צו לאַנדווירטשאַפט, האָבן אָט די דערגרייכונגען ניט בלויז א ווירטשאַפטלעכן, נאָר אויך א פּאָליטישן באַטײַט. די דאָזיקע דערגרייכונגען זײַנען מעגלעך געוואָרן בלויז אַף דער באַזע פון דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע, פונ מעכאַניזירן די לאַנדווירטשאַפט, אַלס רעזולטאַט פון דער קלוגשאַפטלעכער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי, פון דעם גרויסן סטאַלין. נאָך צום אָנהייב 1929 יאָר איז אינעם ראַיאָן געווען 10.972 הא ניט קיין באַהערשט ערדן, 5435 העקטאַר דערפון — אין די איבערוואַנדערונג־פאָנדן, 5051 — אין די אַלטע קאָלאָניעס און בלויז 486 אין די אוקראַיִנישע דערפער. איצט איז די גאַנצע טויגבאַרע ערד באַהערשט.

די דינאַמיק פון באַהערשן די דאָזיקע שעטעכס און די פּראָפּאָרצ צווישן די קולטורן קאָן מען זען פון פאָלגנדיקער טאַבעלע (אינעם דאָרפישן סעקטאָר):

| י אָ ר ן | ווינטערדיקע: אינגאַנצן | ווינטערדיקע: דערינ קאָרן | ווינטערדיקע: דערינ ווייץ | זומערדיקע קולטורן: ווייץ | זומערדיקע קולטורן: גערשטן | זומערדיקע קולטורן: האָבער | זומערדיקע קולטורן: קוקורוזע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1930 . . . . . . | 5543 | — | — | 5673 | 7309 | 1910 | 2821 |
| 1931 . . . . . . | 13450 | — | — | 3650 | 5125 | 980 | 2300 |
| 1932 . . . . . . | 13160 | 2610 | 10550 | 2700 | 2790 | 430 | 2910 |
| 1933 . . . . . . | 12822 | 4380 | 8442 | 2873 | 3223 | 551 | 3176 |

| זומערדיקע קולטורן: פּראָסע | זומערדיקע קולטורן: זונען־רויזן | זומערדיקע קולטורן: לײַן | זומערדיקע קולטורן: גראָזן | זומערדיקע קולטורן: קאַרטאָפל [illegible] | זומערדיקע קולטורן: [illegible] קולטורן | זומערדיקע קולטורן: איבעריקע | זומערדיקע קולטורן: אינגאַנצן | אַלע [illegible] אינגאַנצן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 543 | 2213 | 821 | 2509 | — | 1567 | — | 25366 | 30.909 |
| 230 | 1540 | 1285 | 1990 | 495 | 1470 | — | 19035 | 32.485 |
| 840 | 1620 | 1090 | 3330 | 270 | 1490 | — | 17470 | 30.630 |
| 932 | 1063 | 162 | 1700 | 510 | 1395 | — | 15585 | 28.407 |



צו דעם דאָזיקן פאַרזיי-שעטעך דאַרף מען נאָך צוגעבן דעם פאַרזיי־שעטעך פון די ראַטווירטן — 3320 הא, און דאַן וועט זיך באַקומען, אַז אין 1933 יאָר האָט דער פאַרזיי־שעטעך דערגרייכט ביז 33880 הא. פאַר דעם קלין שוואַרצבראַך האָט מען אין 1932 יאָר איבערגעלאָזט 3000 הא. די פאַרקלענערונג פון דעם פאַרזיי-שעטעך אין 1933 יאָר אַף 2855 הא אין פאַרגלײַך מיט 1932 יאָר דערקלערט זיך מיטן פאַרגרעסערן דעם קלין שוואַרצבראַך, ווײַל אין די קלימאַטישע באַדינגונגען פונעם ראַיאָן (אָפּטע טריקעניש), גיט דער ריינער פרייִקער שוואַרצבראַך א מעגלעכקײַט צו שאַפן א געוויסע שטאַנדהאַפטיקײַט אין דער ווירטשאַפט, צו פירן א ראַדיקאַלן קאַמף מיט דער פאַרמיסטיקונג פון די פעלדער און צו העכערן די גערעטנקײַט.

אין פאַרגלײַך מיט 1930 יאָר האָט זיך אויך באַדײַטנדיק געהעכערט דער ספּעציפישער געוויכט פון די ווינטער־קולטורן, צווישן וועלכע עס דאָמינירט ווינטער־ווייץ. ווי ס'איז צו זען, ווערט דער ווינטער־קלין פאַרגרעסערט אפּן כעזשבן פון פאַרקלענערן די זומערדיקע קערנער־קלינעס. דער ווינטער-ווייץ, וואָס געראָט אַמבעסטן אין ראַיאָן, און דער שעטעך פון דראַזש־קולטורן, פּאַסן איבער ווייניק אָרט פאַר זומער-ווייץ. דאָס, וואָס אין 1930 יאָר איז דער שעטעך פון ווינטער־פאַרזייונגען באַדײַטנדיק אָפּגעשטאַנען, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אינעם פאַריקן 1929 יאָר זײַנען אומגעקומען באַדײַטנדיקע שעטעכס פון ווינטער־ווייץ. דעם זיי־מאַטעריאַל איז אויסגעקומען אַרײַנצופירן פון אַנדערע ראַיאָנען און געגנטן. נאָר נאָכן 1930 יאָר, ווען ס'איז געווען א היפּשע גערעטעניש פון די ווינטערדיקע קולטורן, האָט דער ווינטער־קלין אין 1931 יאָר דערגרייכט ביז 41—42% פונעם גאַנצן שעטעך. לויט איינצלנע יאָרן האָט זיך די פּראָפּאָרצ צווישן די ווינטערדיקע און זומערדיקע פאַרזיי-קולטורן (לויט זייער ספּעציפישן געוויכט) אויסגעדריקט אפּן פאָלגנדיקן אויפן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין 1930 יאָר ווינטערדיקע קולטורן | 17,7%, | זומערדיקע— | 87,3% |
| אין 1931 " " " | 40,8 | " — | 59,2 |
| אין 1932 " " " | 42,9 | " — | 57,1 |
| אין 1933 " " " | 45,1 | " — | 54,9 |

ווי ס'איז צו זען פון דער טאַבעלע פאַרגרעסערט זיך אין ראַיאָן מיט יעדן יאָר דער ספּעציפישער געוויכט פונעם ווינטער־קלין און ווערט דער־גרייכט ביז דער גרעסטער קאָמפּאַקטקײַט.

די ווינטער-ווייץ אין ראַיאָן בילדעט אויס די גרונט־מאַסע פון די סכוירעדיקע קערנער-קולטורן. העכערן איר גערעטנקײַט, פאַרגרעסערן דעם קלין שוואַרצבראַך איז דעריבער א ביז גאָר וויכטיקע אויפגאַבע.

| נאָמען פון קאָלווירט | אין הא פּאַרזיי־שטעטל | צאָל אַרבעטספייקע: מענער | פרויען | אינאינעם | אַרבעטסטעג הא׳ אויף 1 דורכשנ. פּאַרזיי | אַרבעטסטעג טויזנטער |
|---|---|---|---|---|---|---|
| „8־טער מאַרט" | 1740 | 77 | 93 | 170 | 12,5 | 225 |
| „ראַטנבויער" | 910 | 47 | 49 | 96 | 9,5 | 110 |
| „צען יאָר קנס" | 580 | 37 | 24 | 61 | 9,5 | 71 |
| „רויטפעלד" | 1145 | 73 | 67 | 140 | 8,2 | 120 |
| „10 יאָר קסמ" | 976 | 53 | 63 | 156 | 8,5 | 94 |
| „פאַריזשער קאָמונע" | 428 | 22 | 28 | 50 | 8,6 | 47 |
| „אָקטיאַבער" | 910 | 59 | 56 | 115 | 7,9 | 95 |
| „פאַריציוס" | 1092 | 65 | 79 | 144 | 7,5 | 102 |

וועלן צוליב דעם ברענגען אָנגאַבן פריער וועגן 1933 יאָר (לויט איינצלנע גרופּן קאָלווירטן):

| גרופּעס קאָלווירטן | צאָל פאַמיליעס | צאָל אַרבעטס־ פייקע | גרייס פון פּאַרזיי־שטעטל | קומט אויס אַפּ: 1 קאָלווירט. פאַמיליע | 1 אַרבעט־ פייקע |
|---|---|---|---|---|---|
| קאָלווירטן אין קאָלאָניעס | 1012 | 1797 | 10.584 | 10,5 | 5,9 |
| איבערוואַנדערישע קאָלווירטן | 706 | 1365 | 9.265 | 13,1 | 6,8 |
| אוקראַיִנישע קאָלווירטן | 703 | 1528 | 6.644 | 9,4 | 4,3 |
| אינגאַנצן | 2421 | 4690 | 26.493 | 10,9 | 5,6 |

די אַלטע ייִדישע קאָלאָניעס האָבן נאָך אין 1927 יאָר, דה. (מיט 2 יאָר פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע) אין דורכשניט געהאַט אַפּ איין פאַמיליע קימאַט דעם זעלבן פּאַרזיי־שטעטכ בא א באַדייטנדיק פאַרקלענערטן ספּעציפישן געוויכט פונעם קליין שוואַרצבראָך. אָבער עס איז געווען א גרויסער אונטערשייד צווישן דער גרייס פון די פּאַרזיי־שטעטכס בא פאַרשיידענע קלאַסן־גרופּעס.



די אָנגאַבן וועגן 1193 ווירטשאַפטן אין די ייִדישע קאָלאָניעס פון געוועזענעם זאַפּאָראָזשער און מאַריופּאָלער קרייַזן אין 1927 יאָר באַווייַזן פאָלגנדיקע פאַרטיילונג פון די ווירטשאַפטן לויט דער גרייס פון די פּאַרזיי־שטעטכס, (אויסער 33 ווירטשאַפטן, וועלכע האָבן בכלל ניט געזייט):

| | |
|---|---|
| ביז 1 הא. | 0,4% |
| פון 1,01 ביז 2 הא | 2,9% |
| פון 2,01 ביז 4 הא | 13,5% |
| פון 4,01 ביז 6 הא | 19,4% |
| פון 6,01 ביז 8 הא | 21,1% |
| פון 8,01 ביז 16 הא | 38,2% |
| מער פון 16 הא. | 4,5% |
| אינגאַנצן אין ראַיאָן | 100% |

ווי ס'איז צו זען, האָבן 40 פּראָצענט ווירטשאַפטן פּאַרזייט פון 4 ביז 8 הא. 38% ווירטשאַפטן האָבן פּאַרזייט פון 8 ביז 16 הא.

די איבעריקע 22% האָבן אויסגעבילדעט די צוויי עקסטע גרופּעס, פון וועלכע די אַמערסטן רייַכע האָט באַטראָפן 4% און די, וואָס האָבן ווייניק געזייט, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט א באַדייַטנדיקע גרופּע פון 17—18 פּראָצ. פון די 38 פּראָצ., וואָס האָבן פּאַרזייט פון 8 ביז 16 הא, האָבן 20 פּראָצענט געהאַט א פּאַרזיי־שטעטכ ביז 10 הא. אַפּ אַזא אופן זעען מיר, אַז בא 80% פון די קאָלאָניסטישע ווירטשאַפטן פאַרמאָגן איצט, בא דער קאָלווירטישער אָרדענונג, א באַדייַטנדיק גרעסערן שטעטכ, איידער זיי האָבן געהאַט בא דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט.

אין דורכשניט האָבן די קאָלאָניסטן אין 1927 יאָר געהאַט אַפּ איין ווירטשאַפט צו 8,3 גאַנצע הא, אין 1933 יאָר — צו 10,5 הא. דער העכערער פּראָצענט פאַרזיכערטקייַט מיט פּאַרזיי־שטעטכ אין די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס זיי זייַנען נאָך ניט פולשטענדיק קאָמפּלעקטירט. די אָנלאָדונג אַפּ יעדן איינעם נאָמינאַל פאַררעכנטן אַלס אַרבעטספייַקער, באַטרעפט 6,8 הא, און די פאַקטישע אָנלאָדונג 8—9 הא. אין איינצלנע קאָלווירטן האָט די אָנלאָדונג נאָך אין 1933 יאָר דערגרייכט ביז 10—11 און אפילע 12 הא.

באַם פאַרגלייַכן די סטרוקטור פון קולטורן אינעם פּאַרזיי־שטעטכ פון 1933 יאָר און פון 1932 יאָר, באַמערקן מיר א גרויסע ראַציאָנאַליזירונג, דערין איבערצייַגט אונדז די פאָלגנדיקע טאַבעלע (אין % צום גאַנצן פּאַרזיי־שטעטכ):

| גרופּעס פון קולטורן | 1927 יאָר | 1933 יאָר |
|---|---|---|
| ווינטערדיקע . . . . . . . | 41,4 | 45,1 |
| זומערדיקע קערנער-קולטורן . . | 42,3 | 27,6 |
| דורכאַקער-קולטורן . . . . . | 15,5 | 19,8 |
| גראָזן און סילאָס . . . . . | 0,5 | 7,5 |
| אינגאַנצן . . . . . | 100,0% | 100,0% |

אַזאַ פאַרהעלטעניש צווישן די קולטורן האָט אַסאַך מײַלעס, מע זאָל נאָר דערבײַ סטאַביליזירן דעם שוואַרצבראָך-קלין אין דער גרייס פון 16% — 20 פונעם גאַנצן באַאַרבעטן שעטעך, אײַנהאַלטן קעסיידער דעם דורכאַקער-קלין אין די אײַנגעשטעלטע גרענעצן — ביז 20 פּראָצענט, אײַנגעשלאָסן די בײַהויפּיקע גערטנער, און ביז 16% אינעם פעלד פאַרזיי-פאַרקער — זיכערט דאָס די ווינטערדיקע און די זומערדיקע קולטורן בעסערע פאָרגענגער און בײַ דער געהעריקער אַגראָ-טעכניק גאַראַנטירט עס אַ שטאַנדהאַפטיקייט פון דער ווירטשאַפט קעגן טריקעניש און העכערונג פון גערעטנקייט. ס'פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט דער באַדײַטנדיקער ספּעציפישער געוויכט פון קוקורוזע (אין 1933 יאָר — 11,2 %) וואָס גיט בײַ אַ גוטער צווישנרייִקער באַאַרבעטונג ביז 30—40 צענטנער פון העקטאַר, אויך די זונען-רויזן פאַרנעמען באַדײַטנדיקע שעטעכס. נאָר אין די לעצטע יאָרן האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די זאַראַזיכע. בײַ אַ ריכטיקן פינף-פעלדיקן אָדער זעקס-פעלדיקן זיי-פאַרקער, מיט אַזאַ אויסרעכענונג, אַז מע זאָל זייען די זונען-רויזן אויף איין און דעם זעלבן פעלד ניט פריִער, ווי אין 10—12 יאָר אַרום, און בײַם אײַנפירן אַזעלכע סאָרטן, וואָס האָבן אַ געוויסן אימוניטעט קעגן זאַראַזיכע, קען מען באַפרײַען די דאָזיקע הויך-ווערטיקע טעכנישע קולטור פונעם פּאַראַזיט.

ניט ווייניקער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט דער אומשטאַנד, וואָס דער ספּעציעלער גראָז-קלין (גראָזן און סילאָס-קולטורן) פאַרנעמט 7,5%, אין דער צײַט, ווען אין 1927 יאָר האָבן גראָזן פאַרנומען אינגאַנצן 0,5% פאַרזיי-שעטעך, און סילאָס-קולטורן האָט מען נאָך דאַן אינגאַנצן ניט געזייט. פאַקטיש איז דער ספּעציפישער געוויכט פונעם פיטער-קלין נאָך גרעסער, ווײַל מיר האָבן צוגערעכנט דעם קלין פיטער-בוריקעס צו די דורכאַקער - קולטורן. אין די באַשטאַנעס ווערט באַגלײַך מיט דינעס און קאַווענעס, אויסגעטיילט באַדײַטנדיקע באַצירקן פאַר פיטער-קירבעס.



אַזאַ פיטער-קלין צוזאַמען מיט די רעשטלעך, וואָס בלײַבן בײַם דרעשן די קערנער-קולטורן, באַשאַפט אַ פעסטע פיטער-באַזע. אויף ווײַטער שטייט פאַר די קאָלווירטן אַן אויפגאַבע אויסצובעסערן די פּאַשע-פעלדער. די פאַרבליבענע פּאַשע-ערדן פאַרזיכערן ניט אין אַ גענוגנדיקער מאָס דאָס פּראָדוקטיווע פי מיטן נייטיקן גרינעם פיטער.

ס'איז שוין לאַנג צײַטיק געוואָרן די באַדערפעניש אײַנצופירן געזייטע פּאַשע-פעלדער פאַרן גרויסן האָרן-פי, שאַפן ליוצערניקעס פאַרן האָרן-פי, פאַר די כאַזירים, און פאַרן מילך-פי. אָבער דערווײַל פאַרנעמען די ליוצערניקעס אין 5—6 פּונקטן נישטיקע באַצירקן צו 5—10 הא. צו שאַפן געזייטע פיטער-פעלדער איז מען נאָך גאָרניט צוגעטראָטן.

מיר האָבן שוין פריִער געבראַכט אָנגאַבן פאַרן 1929 יאָר וועגן דער פאַרטיילונג פון די גרופּעס ווירטשאַפטן לויט דער גרייס פונעם פאַרזיי-שעטעך. פון די דאָזיקע אָנגאַבן זעען מיר, אַז די רײַכסטע גרופּע מיטן גרעסטן פאַרזיי-שעטעך האָט באַטראָפן 4% פון אַלע ווירטשאַפטן. צו דער דאָזיקער גרופּע האָבן טאַקע געהערט די באַלעגופים. זיי פלעגן אַרענדירן פאַר אַ נישטיקן פּרײַז די ערד בײַ די אָרעם-פויערים. פון די דאָזיקע גרויסע שעטעכס פלעגן זיי אַראָפּנעמען באַדײַטנדיקע טוווע-שניטן, דערבײַ פלעגן זיי אויף אַ רויבערישן אויפן אויסנוצן די ערד. זיי פלעגן אויף די אַרענדירטע ערד ניט איבערלאָזן קיין שוואַרצבראָך. ניט זייען קיין דורכאַקער-קולטורן. נאָר אויסשליסלעך זומערדיקע זאַנגען-קולטורן. צוליב דער קעסיידערדיקער בונטפעלדיקייט, פלעגן די אַרענדירטע פעלדער פאַרמיסטיקט ווערן. דאָס האָט געהאַט זייער אַ שלעכטע ווירקונג אויף די שכייניש[e] פעלדער.

די אַרענדע האָט פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין די אַלטע קאָלאָניעס ביז דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע. צוזאַמען מיט דער ליקווידאַציע פונעם באַלעגופּ אַלס קלאַס, איז ליקווידירט געוואָרן אויך די מעגלעכקייט פון אַרענדירן ערד. די גרופּעס פויערים, וואָס פלעגן ווייניק זייען, ווײַל זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַרבעט-פי און אינווענטאַר האָבן נאָכן אַרײַנטרעטן אין קאָלווירט אָנגעהויבן זייען באַגלײַך מיט אַלע. די אַרענדע, אַלס מיטל צו עקספּלואַטירן דעם אָרעמפויער האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

אין דער פראַגע וועגן אַרענדע באַנוצן מיר זיך מיט אונדזערע מאַטעריאַלן, וועלכע באַציִען זיך צו 1927 יאָר, נאָר בענוגייע צו די אַלטע קאָלאָניעס. אין די איבערוואַנדערישע יישובים איז קיין אַרענדע קימאַט ווי ניט געווען אויך פאַר דער קאָלעקטיוויזאַציע. אַ באַדײַטנדיקע צאָל ווירטשאַפטן אין די אַלטע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן ניט געהאַט גענוג אַרבעט-פי און אינווענטאַר, (צווישן זיי זײַנען נאָכן בירגער-קריג געווען ניט ווייניק ווירטשאַפטן פון אַלמאָנעס, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין דערוואַקסענע אַרבעטסייִקע מיטגלידער אין באַשטאַנד פון זייער פאַמיליע) זײַנען געווען גע-

צוזונגענ אָפּצוגעבנ זייער גאנצע ערד אינ ארענדע. ס'זײַנענ אויכ געווענ אזעלכע ווירטשאפטנ, וואָס האָבנ פארמאָגט א סאכ ערד איבער דער פיל־צאָליקײַט פונ דער פאמיליע. זיי האָבנ אָבער געהאט בלויז איינ פערד אונ ווייניק אינווענטאר. זײַנענ זיי געווענ געצוווּנגענ צו באארבעטנ בלויז א טייל פונ זייער ערד, אונ דעמ רעשט אָפּגעבנ אינ ארענדע, אָדער דינגענ ארבעטער אפ צו באארבעטנ אימ. ס'זײַנענ געווענ ניט ווייניק ווירטשאפטנ, וואָס האָבנ גערעכנט, אז עס לוינט זיי בעסער דינגענ ארבעטער צו באארבעטנ די ערד, איידער זי אָפּגעבנ אינ ארענדע.

ארענדע פאר געלט האָט קימאט ווי ניט עקזיסטירט אינ די קאָלאָניעס. בלויז אינ מעזשירעטש האָט מענ פאר געלט אָפּגעגעבנ אינ ארענדע, די פויערימ פונעמ שכײַנישנ דאָרפ נאָוואָסיאָלאָווקע אײַניקע גוטע ערד־כאלאָ־קימ. די ארענדאטערס האָבנ דאָרטנ פארזייט קנאָבל. שפּעטער האָבנ די קאָלאָניסטנ פונ מעזשירעטש אלייִנ אָנגעהויבנ באארבעטנ די דאָזיקע קולטור.

הויפּטזאכלעכ האָט מענ אָנגעווענדט יענעמ מינ ארענדע, בא וועלכנ מע צאָלט מיט נאטור. דה. מיט א געוויסנ טייל פונ דער גערעטעניש.

אינ גרעסטנ טייל פלעגט דער ארענדאטער באקומענ א האלבע גערע־טעניש. טיילנ די גערעטעניש פלעגט דער ארענדאטער אפנ פעלד, ווענ די טוווע איז נאָכ ניט אראָפּגעפירט געוואָרנ. אראָפּפירנ אונ דרעשנ פלעגט שוינ דארפנ דער ערד־באזיצער אליינ. דערפאר פלעגט ער מוזנ צאָלנ בא־זונדער בא 25—20% פונ זײַנ טייל. אפ אזא אופנ פלעגט אימ איבער־בלײַבנ בלויז 35—40 % פונ דער גערעטעניש.

ווי גרויס עס איז געווענ אינ 1927 יאָר אינ די קאָלאָניעס דער טייל, וועלכער פלעגט באארבעט ווערנ דורכ פרעמדער ארבעט, באווײַזט פאָלגנדיקע טאבעלע:

| גרופע קאָלאָניעס | ווירטשאפטנ, וואָס גיבנ אָפּ ערד אינ ארענדע | ווירטשאפטנ, וואָס דינגענ פרעמד. ארבעט־קראפט | אינגאנצנ באארבעטנ מיט פרעמדע ארבעט־קראפט | דער שטעטכ אינ דעסיאטינ: אָפּגעגעבנ אינ ארענדע | דער שטעטכ אינ דעסיאטינ: באארבעט מיט דער הילפ פונ געדונגענער ארבעט־קראפט | דער שטעטכ אינ דעסיאטינ: אלגעמיינער שטעטכ באארבעט מיט פרעמדער ארבעט | אינ פראָצענטנ: צאָל פאמיליעס | אינ פראָצענטנ: דער שטעטכ באארבעטע ערד |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נײַזלאטאָפּאָל . . . . . . | 103 | 58 | 161 | 543 | 289 | 832 | 37,8 | 17,7 |
| פּריוטנע . . . . . . . | 106 | 20 | 126 | 751 | 89 | 840 | 53,2 | 20,2 |
| זעליאָנאָפּאָל . . . . . . | 57 | 4 | 61 | 220 | 16 | 236 | 16,7 | 4,8 |
| זאטישיע . . . . . . . | 56 | 28 | 84 | 314 | 183 | 497 | 35,9 | 14,5 |
| אינגאנצנ . . . . | 322 | 110 | 432 | 1828 | 577 | 2405 | 31,2 | 14,0 |



ווי ס'איז צו זענ פונ דער טאבעלע פלעגט קימאט א 1/3 פונ אלע ווירטשאפטנ אָנקומענ צו ארענדע אָדער צו געדונגענער ארבעט. דערבײַ איז דער פּראָצענט פונ די ווירטשאפטנ בנוגע דער אלגעמיינער צאָל ווירטשאפטנ געווענ קימאט א גלײַכער אינ אלע דרײַ גרופּעס קאָלאָניעס. אינ זעליאָנאָפּאָלער גרופע פלעגט א באדײַטנדיק קלענערער טייל ווירט־שאפטנ מוזנ אָנקומענ דערצו, דערפאר ווײַל זיי האָבנ געהאט מער לעבע־דיקע אונ טויטע אינווענטאר.

וואָס פאר א טייל פונ דער ערד, וואָס געהערט די דאָזיקע ווירט־שאפטנ (די, וואָס פלעגנ געבנ זייער ערד אינ ארענדע, אָדער פלעגנ דינ־גענ ארבעט־קראפט צו באארבעטנ זי) — פלעגט באארבעט ווערנ מיט איי־גענע קויכעס, אונ וואָס פאר א טייל פלעגט באארבעט ווערנ מיט פרעמ־דער ארבעט באווײַזט פאָלגנדיקע טאבעלע:

| גרופע קאָלאָניעס | שטעטכ ערד פונ די ווירטשאפטנ, וועלכע באארבעטנ זי מיט פרעמדער ארבעט | פראָצענט צומ אלגעמיינעמ שטעטכ | ערד־שטעטכ אָפּגעגעבנ אינ ארענדע אָדער באַארב. דורכ געדונגענער ארבעט־קראפט | פראָצענט פונ ערד, באַארבעט דורכ פרעמדער ארבעט צומ שטעטכ, וואָס געהערט די ווירטשאפטנ | באטראָפנ אפ איינ ווירט. דעסיאטינ: אקער ערד | באטראָפנ אפ איינ ווירט. דעסיאטינ: באארבעט דורכ פרעמדער ארבעט |
|---|---|---|---|---|---|---|
| נײַזלאטאָפּאָל . . . | 1591 | 34,0 | 832 | 53,2 | 9,8 | 5,1 |
| פּריוטנע . . . . | 1469 | 35,4 | 840 | 52,1 | 11,6 | 6,6 |
| זעליאָנאָפּאָל . . . | 559 | 11,4 | 236 | 42,1 | 9,1 | 3,9 |
| זאטישיע . . . . | 813 | 23,9 | 497 | 61,1 | 9,7 | 6,0 |
| אינגאנצנ . . . | 4432 | 25,9 | 2405 | 54,2 | 10,1 | 5,5 |

ווי ס'איז צו זענ פונ די ביידע טאבעלעס האָבנ 31,2% ווירטשאפטנ אינ די אלטע קאָלאָניעס אָפּגעגעבנ זייער ערד אינ ארענדע אָדער געדונ־גענ ארבעט־קראפט אפ זי צו באארבעטנ. די דאָזיקע ווירטשאפטנ האָט געהערט 25,9% פונעמ גאנצנ אקער־שטעטכ.

אָבער זיי האָבנ מיט דער הילפ פונ פרעמדער ארבעט־קראפט באארבעט ניט זייער גאנצע ערד נאָר 54,2% פונ איר, אונ ס'האָט באטראָפנ 14% פונעמ גאנצנ אקער־שטעטכ אינ די קאָלאָניעס.

א טייל פונ די ווירטשאפטנ, וואָס זײַנענ געווענ אינ א גרע־סערער מאָס געזיכערט מיט אינווענטאר, זײַנענ אימשטאנד געווענ

צו באַארבעטן א גרעסערן שטעטל, ווי זיי האָבן פאַרמאָגט. פלעגן זיי אויך ארענדירן ערד, הויפּטזאַכלעך, בא זייערע דאָרפשכיינים.

דער טייל ווירטשאַפטן, וואָס האָט ארענדירט ערד איז באַדייַטנדיק קלענער פון דעם טייל ווירטשאַפטן, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן ערד אין ארענדע, אָדער האָבן געדונגען מענטשן זי צו באַארבעטן. די ערשטע באַטרעפן 14,5, און די צווייטע — 31,2 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל ווירטשאַפטן אין די קאָלאָניעס. די ארענדאַטערס האָבן געהערט צו די מער געזיכערטע מיט ערד גרופּעס (דורכשניטלעכע ערד־פאַרזיכערקייַט — 21,1 דעסיאַטין).

דער צושטאַנד פון די פעסטערע ווירטשאַפטן, וואָס האָבן ארענדירט ערד — האָט זיי ניט דערלויבט ארומצוכאַפּן די גאַנצע ערד, וועלכע פלעגט אָפּגעגעבן ווערן אין ארענדע. די אָנגעוויזענע 14 פּראָצענט ווירטשאַפטן האָבן געקאָנט ארענדירן פון די 2405 דעסיאַטין ערד, וואָס מע האָט אָפּ־געגעבן אין ארענדע — בלויז 556 דעסיאַטין, אָדער 23,1%.

באַם פאַרגלײַכן דעם שטעטל ערד, וואָס מע פלעגט אָפּגעבן אין ארענדע, מיטן שטעטל ערד וואָס די קאָלאָניסטן פלעגן ארענדירן, קאָנען מיר מאַכן אַן אויספיר וועגן דער גרייס פון די שטעטלעך, וואָס די אוקראַ־יִנער פּויערים פלעגן ארענדירן אין די ייִדישע קאָלאָניעס.

אָט איז א פאַרגלײַך־טאַבעלע פון דער ערד, וואָס מע פלעגט אָפּגעבן אין ארענדע און וואָס מ'פלעגט נעמען אין ארענדע, לויט די גרופּעס קאָלאָניעס:

| גרופּע קאָלאָניעס | אָפּגעגעבן אין ארענדע: צאָל ווירטשאַפטן | אָפּגעגעבן אין ארענדע: שטעטל | ארענדירט: צאָל ווירטשאַפטן | ארענדירט: שטעטל | אַף וויפל דער שטעטל ארענדירטע ערד איז קלענער פונעם שטעטל אָפּגעגעבענע אין ארענדע | וואָס פאַר א פּראָצענט שטעטל ארענדירן די אוקראַיִנישע פּויערים |
|---|---|---|---|---|---|---|
| נײַזלאַטאָפּאָל | 103 | 543 | 103 | 290 | 253 | 5,4 |
| פּריִוטנע | 106 | 751 | 22 | 93 | 658 | 15,6 |
| יעליסאַוועטפּאָל (?) | 57 | 220 | 70 | 159 | 61 | 1,9 |
| זאַמישנע | 56 | 314 | 6 | 14 | 300 | 8,8 |
| אינגאַנצן | 322 | 1823 | 201 | 556 | 1272 | 7,4 |



מער פון אַלעמען האָבן גענומען ערד אין ארענדע די שכייני־שע פּויערים פון פּריִוטנער גרופּע, הויפּטזאַכלעך אין נײַדראָוואָקע און אין באָרקע. זייער ווייניק — אין זאַמישנער גרופּע. די קאָלאָניעס פון נײַזלאַטאָפּאָלער גרופּע האָבן מער פון אַלץ אָפּגעגעבן ערד אין ארענדע אין מעזשירעטש.

דער פאַרגלײַך מיט דער ארענדע אין די ניט־ייִדישע דערפער גיט א פאָלגנדיק בילד: (דער פאַרגלײַך ווערט דורכגעפירט צווישן די קאָלאָניעס אין מאַריופּאָליער קרײַז מיטן גאַנצן קרײַז).

אַף 100 ווירטשאַפטן איז אויסגעקומען:

| | ווירטשאַפטן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן ערד אין ארענדע | וויפל ערד אָפּגעגעבן אין ארענדע |
|---|---|---|
| קאָלאָניעס אין מאַריופּאָליער קרײַז | 18,8 | 89 דעסיאַטין |
| אין דורכשניט אין מאַריופּאָליער קרײַז | 17,5 | 63,1 " |

נאָר, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, האָבן די ייִדישע קאָלאָניסטן שווערער איידער די פּויערים פון אנדערע נאַציאָנאַליטעטן אריבערגעטראָגן דעם בירגערקריג און דעם 1921 יאָר. זיי האָבן לאַנגזאַמער אויפגעשטעלט זייער ווירטשאַפט און ביז דער קאָלעקטיוויזאַציע פלעגן זיי אָפּגעבן אין ארענדע אין א ביסל א גרעסערער מאָס.

דאָס, אז אין ארענדע פלעגן אָפּגעבן ערד די אָרעמסטע ווירטשאַפטן, וואָס האָבן ניט געהאַט געניג, אָדער גאָרניט געהאַט קיין לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר, באַווײַזט פאָלגנדיקע טאַבעלע:

| גרופּע קאָלאָניעס | ווירטשאַפטן, וואָס גיבן אָפּ ערד אין ארענדע | ווירטשאַפטן, וואָס באַ־ארבעטן ערד מיט דער הילף פון געדונגענער ארבעט־קראַפט | אינגאַנצן | פון זיי: אָן פערד | מיט איין פערד | מיט צוויי פערד | מיט אקער געצײַג | מיט וועגענער | מיט שנײַד־מאַשינען | ווירטשאַפטן אינגאַנצן אָן אינווענטאַר |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נײַזלאַטאָפּאָל | 103 | 58 | 161 | 113 | 28 | 20 | 24 | 25 | 23 | 125 |
| פּריִוטנע | 106 | 20 | 126 | 99 | 18 | 9 | 4 | 15 | 2 | 115 |
| יעליסאַוועטפּאָל (?) | 57 | 4 | 61 | 53 | 6 | 2 | 5 | 2 | 5 | 56 |
| זאַמישנע | 56 | 28 | 84 | 79 | 5 | — | 2 | 1 | 2 | 81 |
| אינגאַנצן | 322 | 110 | 432 | 344 | 57 | 31 | 55 | 43 | 32 | 372 |

ווי ס'איז צו זענ, איז דאָס אָפּגעבנ די גאנצע אָדער א טייל ערד אינ ארענדע, אָדער דאָס דינגענ מענטשנ זי צו באארבעטנ, געווענ א רעזולטאט דערפונ, וואָס די דאָזיקע ווירטשאפטנ האָבנ ניט געהאט קיינ אינווענטאר, וואָס 79,6% פונ זיי האָבנ ניט געהאט קיינ פערד, אונ 86,1% האָבנ ניט געהאט ניט קיינ אקער־געצייג, ניט קיינ געשפאנ, ניט קיינ שנייד-מאשינ. אָט די ווירטשאפטנ האָבנ, ווי ס'ווייזט אויס אָפּגעגעבנ אינ ארענדע זייער גאנצע ערד, די ווירטשאפטנ, וועלכע האָבנ געהאט צוויי פערד אונ א ביסל טויטנ אינווענטאר פלעגנ אָפּגעבנ אינ ארענדע בלויז א טייל ערד, אָדער פלעגנ דינגענ ארבעט־קראפט אפ צו באארבעטנ דעמ טייל.

די דאָזיקע קליינע עקסקורסיע אינ דער געשיכטע פונ די קלאסנ-פארהעלטענישנ אפ די יידישע פּאָנדנ באווייזט, ווי טיפ עס זיינענ געווענ די וואָרצלענ פונ דער קלאסנ־דיפערענצירונג אינ די קאָלאָניעס. א סאכ קאָלאָניסטנ האָבנ ניט געקאָנט ווערנ קיינ ערד־האָרעפּאשניקעס צוליב זייער גרויסער אָרעמקייט אונ ווירטשאפטלעכער אָנמעכטיקייט. דער פארמעגלעכער שיכט פונ דאָרפ, די באלעגופים פלעגנ עקספלואטירנ די דאָזיקע אָרעמ־פויערישע גרופע. דער באלעגופ פלעגט זיכ באמיִענ אויסערלעכ צו צוגעבנ זיינ ווירטשאפט א גלאנצ פונ קולטורעלקייט. אינדערעמעסנ אָבער האָט דאָרט געווילדעוועט אמעראצעס. דער באלעגופ פלעגט רייכ ווערנ ניט ווייל ער פלעגט פירנ א קולטורעלע ווירטשאפט, נאָר אפנ כעזשבנ פונ עקספלואטאציע. די אינדיווידועלע צעשפליטערטע ווירטשאפט האָט געשטערט העכערנ די פראָדוציר־קרעפטנ פונ דער לאנדווירטשאפט. די פרימיטיווע אגראָטעכניק האָט ניט געקאָנט פארזיכערנ קיינ הויכע גערעטענישנ. די בונטפעלדיקייט אונ די בוילעטע אויסגעדריקטע קלאסנ־דיפערענצירונג אינ דאָרפ, ווו ס'האָט נאָכ געהערשט די ארענדע אונ די באלעגופישע פארשקלאפונג, האָט ניט דערלויבט דירעקט זיכ נעמענ פארנ איינפירנ א ריכטיקנ זיי־פארקער. מ'האָט אימ יאָ איינגעפירט, נאָר ניט פארפעסטיקט. דאָס אלטע דאָרפ האָט געדארפט אוועק אפנ נייעמ קאָלווירטישנ וועג. די קרעפטנ, וועלכע זיינענ ארויסגערופנ געוואָרנ צומ לעבנ דורכ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע, זיינענ רייפ געוואָרנ איבערצושליסנ זיכ אפנ נייעמ קאָלווירטישנ וועג. אונ די כוואליע קאָלעקטיוויזאציע האָט טאקע ארויפגעשווענקט דאָס באלעגופנטומ, דעמ לעצטנ קלאס פונעמ פאראזיטישנ קאפיטאליזמ אינ אונדזער לאנד.

ווי ס'איז צו זענ פונ די פראָפּאָרצנ, וואָס האָבנ זיכ איינגעשטעלט צווישנ די קולטורנ, האָט דער ספּעציפישער געוויכט פונ יעדערער זיכ דערנעענטערט צו יענער פראָפּאָרצ, וואָס דער זיי־פארקער פאָדערט. אָבער אינ איינצלנע קאָלווירטנ באמערקט זיכ נאָכ אלצ געוויסע אָפּנייגנ. די אויפגאבע באשטייט איצט דערינ, מע זאָל פאר יעדנ קאָלווירט אויסארבעטנ דעמ



זיי-פארקער, וועלכער דארפ אינ אימ פארפעסטיקט ווערנ. דער גרונט־פאקטער אפ צו פארפעסטיקנ דעמ זיי־פארקער דארפ זיינ דער שווארצברוכ. אפ אויספילנ דעמ פלאנ פונ אופאקערנ דעמ שווארצברוכ, פונ קולטיווירנ אימ 2—3 מאָל אינ משך פונ זומער, דארפ מענ קוקנ פונקט אזוי ערנסט, ווי אפנ אויספילנ די פארזיי־פלענער. דער דאָזיקער וויכטיקער מאָמענט איז בארופנ צו שאפנ שטאנדהאפטיקע, קעגנ פארטריקעניש, גערעטענישנ, העלפט פירנ א ראדיקאלנ קאמפ מיט די מיסט־גראָזנ, אונ בלויז מיט איגנאָרירנ אימ קאָנ מענ דערקלערנ דעמ פאקט, וואָס מע האָט אזוי שפעט אופגעאקערט דעמ שווארצברוכ, אונ פארגעסנ אינ דער נייטיקייט אימ קולטיווירנ. אינ רעזולטאט פונ אזא ניט ערנסטער באציִונג צו די טערמינענ אונ צו די מעטאָדנ פונ באארבעטנ דעמ שווארצברוכ, ווערט ער פארוואנדלט אינ זיינ קעגנזאצ, דה. אנשטאט דעמ ער זאָל פארניכטנ די מיסט־גראָזנ, העלפט ער גאָר מיט זיי פארפלאנצנ. אלע רעדעס אונ רעזאָליוציעס וועגנ זיי-פארקערנ אינ דער פארטריקעניש־[illegible]נע, האָבנ ניט קיינ שומ מאמאָשעס, וויבאלד מע פילט ניט אויס די פּלענער פונ אופאקערנ אונ באארבעטנ דעמ שווארצברוכ, די גאנצע קאָלווירטישע מאסע, אונ אינ דער ערשטער ריי דער קאָלווירטישער אקטיוו, דארפ באגרייפנ די גאנצע וויכטיקייט פונ פארפעסטיקנ דעמ זיי־פארקער.

וואָס־זשע פאר טיפנ פונ זיי-פארקערנ זיינענ אמערסטנ כאראקטעריסטיש פאר נייזלאטאפּאָלער ראיאָנ? פאר א ריי קאָלווירטנ פונ [illegible]ארזיפּאָלער קרייז, וואָס געפינענ זיכ מער אפ מיזרעכ, איז איינער פונ די גרונט-טיפנ די זעקס־פעלדיקייט מיט פאָלגנדיקנ אויסטויש לויט דער [illegible]:

1) שווארצברוכ 2) ווינטערדיקע ווייצ 3) ווייצ אונ ווינטערדיקע קאָרנ 4) שווארצברוכ — דורכאקער־קלינ 5) ווינטער-ווייצ אפ שווארצברוכ, זומער-ווייצ אפ דורכאקערפעלד 6) גערשטנ, א טייל פראָסע, אונ א טייל אייניאָריקע גראָזנ.

לויט דעמ דאָזיקנ זיי־פארקער וועט דער ספעציפישער געוויכט פונ יעדער קולטור לויט זיינע קלינעס זיינ פארגעשטעלט אפנ פאָלגנדיקנ אויפנ (אינ פראָצענטנ): (זע די טאבעלע אפ זייט 66)

בא א פינפ-פעלדיקנ זיי־פארקער, ווענ ס'זאָל איינגעהיט ווערנ דער [illegible]יכער פראָצענט זומער-ווייצ, ווערנ די קולטורנ פאָרגעשטעלט אפנ פאָלגנדיקנ אויפנ:

1) שווארצברוכ 2) ווינטערווייצ 3) דורכאקער־קולטורנ 4) ווינטער־ווייצ אונ קאָרנ 5) זומערדיקע ברויטנ.



352

ק ל י נ ע ס

| | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | 6 | אינגאַנצנ |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ריינער שוואַרצברוכ . . . . | 16,6 | — | — | 8,4 | — | — | 25 |
| ווינטער-ווייצ . . . . . . | — | 16,6 | 2,7 | — | 8,0 | — | 37,3 |
| ווינטער-קאָרנ . . . . . . | — | — | 4 | — | — | — | 4,0 |
| זומער-ווייצ . . . . . . | — | — | — | — | 6,7 | — | 6,7 |
| גערשטנ . . . . . . . | — | — | — | — | 2,0 | 8,7 | 10,7 |
| האָבער . . . . . . . | — | — | — | — | — | 2,0 | 2,0 |
| אייביאָריקע גראָזנ . . . . . | — | — | — | — | — | 4,0 | 4,0 |
| פּראָסע . . . . . . . | — | — | — | — | — | 2,0 | 2,0 |
| קוקורוזע (קערנער 4% סילאָס 1,4%) . . . . | — | — | — | 5,3 | — | — | 5,3 |
| זונענ-רויזנ . . . . . . | — | — | — | 3,0 | — | — | 3,0 |
| | 16,6 | 16,6 | 16,7 | 16,7 | 16,7 | 16,7 | 100 |

אָט בא אזא פאַנאַנדערטיילונג פונ די קלינעס וועט דער ספעציפישער געוויכט פונ איינצלנע קולטורנ זײַנ אזא (אינ פּראָצענטנ):

| | 1 | 2 | 3 | 4 | 5 | אינגאַנצנ |
|---|---|---|---|---|---|---|
| שוואַרצברוכ . . . . . . . . . | 20 | — | — | — | — | 20 |
| ווינטער-ווייצ . . . . . . . . | — | 20 | — | 15 | — | 35 |
| ווינטער-קאָרנ . . . . . . . . | — | — | — | 5 | — | 5 |
| דורכאַקער-קולטורנ: | | | | | | |
| א) קוקורוזע אפּ טוויע . . . . . . | — | — | 10 | — | — | 10 |
| ב) קוקורוזע אפּ סילאָס . . . . . . | — | — | 4 | — | — | 4 |
| ג) זונ-רויזנ . . . . . . . . | — | — | 6 | — | — | 6 |
| זומער-ווייצ . . . . . . . . | — | — | — | — | 4 | 4 |
| גערשטנ . . . . . . . . . | — | — | — | — | 8 | 8 |
| האָבער . . . . . . . . . | — | — | — | — | 2 | 2 |
| פּראָסע . . . . . . . . . | — | — | — | — | 2 | 2 |
| אייביאָריקע . . . . . . . . | — | — | — | — | 4 | 4 |

די גאַנצע אגראָטעכניק דאַרפ זײַנ קאָנצענטרירט אפּ גוט באַאַרבעטנ דעם שוואַרצברוכ-קלינ און דעם דורכאַקער-קלינ, אפּ צוצוגרייטנ די פריר-ערד פאַר זומער-קולטורנ, אפּ דורכסאַמענ און אָפּרייניקנ דעם פאַרזיי-מא-



טעריאַל, אפּ באַשאַפנ ריינ-סאָרטיקע מאַסיווג פונ ווינטערדיקע און זומער-דיקע ווייצ, גערשטנ, קוקורוזע און זונענ-רויזנ.

די מאַסיווג פונ דעם ווינטערדיקנ ווייצ ווערנ שוינ עטלעכע יאָר פאַר-זייט מיט דער ריינ-סאָרטיקער אוקראַינקע. די זומער-ווייצנ זײַנענ אינ גרונט פאַרגעשטעלט געוואָרנ דורכ פאַרשיידענע מינימ האַרטע ווייצנ פונ טיפּ „גאַרנאָוקע", גערשטנ זייט מענ זעקסרייִקע כערסאָנער, קוקורוזע—„סטער-לינג", „גרושעווקע" און „מיניעזאָט 23".

בנוגע צו זונענ-רויזנ דאַרפ מענ זיכ שטעלנ אפּנ וועג פונ אײַנפירנ אזעלכע סאָרטנ, וועלכע באַזיצנ א געוויסע אימוניטעט צו זאַראַזיכע. אזעלכע סאָרטנ זײַנענ שוינ פאַראַנ אינ אזאָוו-שוואַרציאַמישנ קאַנט.

אָבער קעדיי דורכצופירנ די דאָזיקע אַלע מאָסמיטלענ, דאַרפ מענ פריִער פאַר אַלצ אויספירנ אַלע פאָדערונגענ פונ דער אגראָטעכניק אינ די סאַמע קורצסטע טערמינענ, ווײַל אויב מע פאַרציט די טערמינענ פונעם פאַרזיי, פונעם שניט און פונ דער באַאַרבעטונג—מאַכט מענ צונישט אַלע איבעריקע דערגרייכונגענ. איינ קאַמפּאַניע יאָגט אָנ די צווייטע און דאָס ברענגט צו קעסיידערדיקע דורכרײַסנ.

[1] די טאַבעלע „פּלאַנ פונ ווינטער-קולטורנ, פריר-אַקער און פּרילינג-פאַרזיי אינ 1934 יאָר" זע זײַטנ 68 און 69).

## מעכאַניזירונג פונ דער לאַנדווירטשאַפט

נאָכ די אינדוסטריאַליזירונג פונעם לאַנד האָט פאַרזיכערט די סאָ-ציאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע פונ דער לאַנדווירטשאַפט אפּ דער באַזע פונ מעכאַניזירנ די ערד-אַרבעט. די אינדוסטריאַליזאַציע האָט באַשאַפנ א מעגלעכקײַט אָנצווענדנ אינ דער לאַנדווירטשאַפט דעם טראַקטער, דעם קאָמבײַנ, דעם אווטאָמאָביל און א ריי אַנדערע קאָמפּליצירטע מאַ-שינעס. דאָס אַרײַנדרינגענ פונ דער נײַער טעכניק אינ דער לאַנדווירט-שאַפטלעכער פּראָדוקציע, ברענגט צו א קאָלאָסאַלנ אויפשטײַג פונ די פּראָ-דוציר-קרעפטנ. מע קאָנ מיט דער פולער זיכערקײַט זאָגנ, אַז די דערפאָלגנ, וואָס זײַנענ דערגרייכט געוואָרנ אינ נײַזלאַטאָפּאָלער ראַיאָנ פאַר די לעצטע יאָרנ, זײַנענ מעגלעכ געוואָרנ נאָר אַדאַנק דעם פאַרענדיקטנ פּראָצעס פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע, אַדאַנק די נײַע מעטאָדנ פונ אַרבעט-אָר-גאַניזירונג און, אינ א באַדײַטנדיקער מאָס, אַדאַנק דער מעכאַניזירונג פונ די פּראָדוציר-פּראָצעסנ, אַדאַנק דעם אַרײַנדרינגענ פונעם טראַקטער און פונ די איבעריקע מאַשינעס.

דער וווּקס פונעם טראַקטער-פּאַרק פאַר די לעצטע 4 יאָר (אינ נײַ-

פלאן פון ווינטער-קולטורן, פריר-אקער או[illegible]ריליג-פארזיי אין 1934 יאר

| | באַפעלקערטע פונקטן | קאָלווירטן | פלאן פון זומער-פארזיי אין 1934 יאר | | | | | | | [illegible] | שעטעכ פריר-אקער | | | ד ע ר פ ו ן | | | | | אינגאנצן פארזייט | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] | [illegible] |
| 1. | מײַדאָרף . . . . . | „8-טער מארט" | 60 | — | 20 | 145 | 80 | 442 | 359 | 123[illegible] | — | — | 95 | — | — | — | — | — | 430 | — | 110 | 320 |
| 2. | ארבעטער-היים . . . | „רויטער פויער" | 40 | — | 20 | 190 | 129 | 546 | 388 | 146[illegible] | — | — | 139 | — | — | — | — | — | 535 | — | 131 | 404 |
| 3. | אָקטיאבער-פעלד . | „אָקטיאבער" | 60 | 10 | 15 | 91 | 60 | 398 | 140 | 95[illegible] | — | — | 227 | — | — | — | — | — | 415 | 15 | 85 | 315 |
| 4. | ראטנ-טאָל . . . . | „ראטנהויפ" | 40 | — | — | 44 | 29 | 160 | 110 | 46[illegible] | — | — | 102 | — | — | — | — | — | 197 | — | 34 | 163 |
| 5. | מערעזיענאָ . . . . | א. נ. פונ כ' סטאלינ | 54 | — | 10 | 83 | 50 | 334 | 88 | 71[illegible] | — | — | 157 | — | — | — | — | — | 290 | — | — | 290 |
| 6. | צענטר. אָקטיאבער . | „פאָרויס" | 60 | 10 | 11 | 75 | 45 | 257 | 91 | 64[illegible] | — | — | 74 | — | — | — | — | — | 300 | — | 60 | 240 |
| 7. | קיפער-פעלד . . . . | „נײַלעבנ" | 50 | — | — | 74 | 28 | 179 | 135 | 70[illegible] | — | — | 101 | — | — | — | — | — | 390 | — | 103 | 287 |
| 8. | מײַפעלד . . . . . | „10 יאָר קנס" | 34 | — | 10 | 56 | 40 | 203 | 132 | 63[illegible] | — | — | 1785 | — | — | — | — | — | 300 | — | 75 | 225 |
| 9. | ראטנבארג . . . . . | „10 יאָר קסמ" | 60 | — | 20 | 90 | 60 | 420 | 146 | 101[illegible] | — | — | 1185 | — | — | — | — | — | 450 | 20 | 90 | 340 |
| 10. | ראטנפעלד . . . . | „פאריזשער קאָמונע" | 20 | — | — | 30 | 30 | 107 | 86 | 39[illegible] | — | — | 23 | — | — | — | — | — | 200 | — | 50 | 150 |
| 11. | האָפענונג . . . . . | „האָפענונג" | 55 | 10 | 20 | 63 | 50 | 294 | 161 | 85[illegible] | — | — | 105 | — | — | — | — | — | 400 | — | 72 | 328 |
| 12. | טשובאר . . . . . | „טשובאר" | 33 | — | 10 | 83 | 80 | 250 | 367 | 95[illegible] | — | — | 115 | — | — | — | — | — | 340 | — | 65 | 275 |
| 13. | פרײַדאָרף . . . . . | „רויטפעלד" | 70 | 10 | 14 | 96 | 95 | 415 | 197 | 115[illegible] | — | — | 121 | — | — | — | — | — | 540 | 10 | 100 | 430 |
| 14. | נײַזלאטאָפאָל . . . . | „אוואנגארד" | 95 | 10 | 40 | 139 | 60 | 595 | 182 | 145[illegible] | — | — | 269 | — | — | — | — | — | 680 | 40 | 130 | 510 |
| 15. | וועסיאָלאָיע . . . . | א.נ. פונ ק. ליבקנעכט | 30 | 10 | 10 | 32 | 20 | 155 | 113 | 51[illegible] | — | — | 100 | — | — | — | — | — | 250 | — | 60 | 190 |
| 16. | ראָסקאָשנאָיע . . . | „בעזבאָזשניק" | 60 | 10 | 15 | 85 | 80 | 347 | 170 | 91[illegible] | — | — | 114 | — | — | — | — | — | 400 | — | 100 | 300 |
| 17. | פרײַוטנע . . . . . . | א.נ. פונ כ' דזערזשינסקי | 80 | — | 20 | 174 | 50 | 557 | 135 | 110[illegible] | — | — | 285 | — | — | — | — | — | 410 | 40 | 70 | 200 |
| 18. | באָוואָדראָוקע . . . | „סאָצדאָרפ" | 100 | 20 | 41 | 109 | 100 | 530 | 174 | 141[illegible] | — | — | 192 | — | — | — | — | — | 710 | — | 150 | 560 |
| 19. | גאָרקאָיע . . . . . . | א. נ. פונ כ' פעטראָווסקי | 70 | 15 | — | 87 | 54 | 355 | 141 | 93[illegible] | — | — | 146 | — | — | — | — | — | 440 | — | 85 | 355 |
| 20. | קראסנאָסעלקע . . . | א. נ. פונ ר. לוקסעמבורג | 80 | 15 | 10 | 140 | 120 | 503 | 160 | 112[illegible] | — | — | 190,5 | — | — | — | — | — | 460 | 20 | 80 | 360 |
| 21. | מעזשירעטש . . . . | א. נ. פונ כ' כאטא עוויטש | 60 | — | — | 87 | 40 | 316 | 101 | 71[illegible] | — | — | 150 | — | — | — | — | — | 300 | — | 35 | 265 |
| 22. | סלאדקאָוואָדנע . . . | „פאבריציוס" | 118 | — | 40 | 180 | 60 | 655 | 118 | 114[illegible] | — | — | 295 | — | — | — | — | — | 360 | 100 | 80 | 180 |
| 23. | זעליאָנאָפאָל . . . . | „עמעס" | 100 | 10 | 25 | 190 | 30 | 542 | 238 | 132[illegible] | — | — | 315 | — | — | — | — | — | 792 | 112 | 140 | 540 |
| 24. | נאדיאָזשנע . . . . . | א. נ. פונ כ' פאָסטישעוו | 125 | 15 | 10 | 125 | 85 | 508 | 213 | 131[illegible] | — | — | 128 | — | — | — | — | — | 350 | — | 80 | 270 |
| 25. | כוטאָר קוצי . . . . | „סכיר" | 35 | 10 | 4 | 45 | 40 | 158 | 70 | 48[illegible] | — | — | 104 | — | — | — | — | — | 260 | 10 | 70 | 180 |
| 26. | רעמאָווקע . . . . . | „קאָמונאר" | 110 | 35 | 20 | 117 | 95 | 556 | 104 | 135[illegible] | — | — | 234 | — | — | — | — | — | 636 | 29 | 127 | 480 |
| 27. | וואָראָשילאָווקע . . . | „נאָווע זשיטיא" | 220 | 60 | 100 | 346 | 280 | 1344 | 444 | 333[illegible] | — | — | 490 | — | — | — | — | — | 1544 | 43 | 350 | 1151 |
| 28. | „ . . | „טשערוו. פארטיזאנ" | 71 | 20 | 10 | 97 | 60 | 406 | 156 | 108[illegible] | — | — | 135 | — | — | — | — | — | 523 | 3 | 140 | 380 |
| 29. | „ . . | „פערעמאָגא" | 85 | 21 | 15 | 137 | 70 | 391 | 152 | 107[illegible] | — | — | 138 | — | — | — | — | — | 531 | — | 126 | 405 |
| 30. | אינדיווידועלער סעקטער . . . . . . | | 55 | 15 | — | 45 | 13 | — | — | 20[illegible] | — | — | — | — | — | — | — | — | 54 | — | — | — |

זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן) איז פֿאָרגעקומען אַפּן פֿאָלגנדיקן אויפֿן (אין איינסן פֿערד־קראַפֿט):

| | | | |
|---|---|---|---|
| פרילינג 1930 יאָר | 260 | האַרבסט 1932 ״ | 740 |
| האַרבסט 1930 ״ | 530 | פרילינג 1933 ״ | 875 |
| פרילינג 1931 ״ | 575 | האַרבסט 1933 ״ | 965 |
| האַרבסט 1931 ״ | 665 | האַרבסט 1934 ״ | 1120 |
| פרילינג 1932 יאָר | 693 | | |

אײַנגאַנצן איז אין ראַיאָן צו פרילינג 1934 יאָר געווען 83 טראַקטערס, פֿון וועלכע עס זײַנען געווען פֿאַרבראַקירט 25 „אינטערנס". אָנשטאָט זיי האָט דער ראַיאָן באַקומען 15 „כ. ט. ז."; צו דער שניט־קאַמפּאַניע פֿון 1934 יאָר האָט מען באַקומען 2 טראַקטערס „טשעליאַבינצעס".

אַף וויפֿל עס האָט זיך אויפֿגעהויבן דער ספּעציפֿישער געוויכט פֿון דעם מעכאַניזירטן טייל גרונטלעכע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטן, קאָן מען אורטיילן פֿון דער טאַבעלע, וועלכע מיר ברענגען ווײַטער וועגן דעם פּראָצענט אַרבעטן, וואָס מע האָט דורכגעפֿירט אין 1933 יאָר מיט דער הילף פֿון טראַקטערס.

| | |
|---|---|
| פרילינג־פּאַרזיי | 60 |
| פרילינג־אופֿאַקערונג | 100 |
| אופֿאַקערונג פֿון שוואַרצבראָך | 100 |
| דיסק־באַאַרבעטונג | 100 |
| איבעראַקערונג פֿון שוואַרצבראָך | 97,1 |
| שניט | 62 |
| דאָס דרעשן | 91,5 |
| אַקער פֿאַרן ווינטער־פּאַרזיי | 100 |
| ווינטער־פּאַרזיי | 14 |
| דאָס אַרויספֿירן דעם ברויט | 43,6 |
| אָפּאַקערונג פֿון פּריר־ערד | 52,7 |

אַדאַנק דער אָנווענדונג פֿון טראַקטער איז מעגלעך געוואָרן פֿאַרבעסערן די טעכניק פֿון באַאַרבעטן דעם באָדן, וואָס שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָליע אין אויסצובעסערן די סטרוקטור פֿונעם באָדן, אין קאַמף קעגן מיסט־גראָזן, און, אַלס רעזולטאַט פֿון דעם, אין העכערן די גערעטנקייט. די קליינע בוקער־אופֿאַקערונג, וועלכע מע פֿלעגט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט אָנווענדן אין זייער אַ גרויסער מאָס, ווערט אַלץ דרייסטער אַרויסגעשטויסן און ווערט פֿאַרביטן מיט אַ טיפֿער פֿלוג־אופֿאַקערונג. דאָס קאָן מען זען פֿון פֿאָלגנדיקע אָנגאַבן פֿאַר אַ ריי יאָרן וועגן דער באַאַרבעטונג פֿונעם באָדן פֿאַרן ווינטער־פּאַרזיי.



| יאָרן | צעאַקערט מיטן בוקער | צעאַקערט מיט אַן אַקער |
|---|---|---|
| 1930 יאָר | 2581 | — |
| 1931 ״ | 3246 | 200 |
| 1932 ״ | 4377 | 900 |
| 1933 ״ | 745 | 5992 |

די בוקער־אופֿאַקערונג, וועלכער איז געווען אַזוי פֿאַרשפּרייט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט אין דער אינדיווידועלער ווירטשאַפֿט מוז אָבער אינגאַנצן אַרויסגעשטויסט ווערן.

אין פרילינג 1933 יאָר, נאָך דעם ווי דער ראַיאָן האָט אין 1932 יאָר ניט אויסגעפֿילט דעם פּלאַן פֿון אופֿאַקערן פּריר־ערד, האָט מען דעם פּאַרזיי אַף 13,3% דורכגעפֿירט מיט זייעלקעס, און די איבעריקע 86,7% — מיט בוקערס. צום ווינטער־פּאַרזיי פֿון 1933 יאָר זײַנען געווען גרויסע שטעכס שוואַרצבראָך, דעריבער איז די פּראָפּאָרץ געווען עטוואָס אַ בעסערע: 57,7% פֿון פּאַרזיי איז דורכגעפֿירט געוואָרן מיט זייעלקעס, 42,3%—מיט בוקערס.

אַ קאָלאָסאַלע ראָל שפּילט, געוויינלעך, דערבײַ דאָס אויסנוצן דעם טראַקטער. אין גרונט הענגט עס אָפּ פֿון דעם צושטאַנד פֿון טראַקטער־פּאַרק. דער באַדײַטנדיקסטער טייל פֿונעם טראַקטער־פּאַרק אין נײַ־זלאַטאָפּאָלער מטס באַשטייט נאָך אַלץ פֿון אַלטע מאַשינעס: „אינטער" 10/20. די עפֿעקטיווקײַט זייערע איז שטאַרק פֿאַרקלענערט געוואָרן אין פֿאַרגלײַך מיטן 1932 יאָר. פֿאַרקערט, אונדזערע סאָוועטישע טראַקטערס „כ.ט.ז." און „ס. ט. ז." 15/30, וועלכע מע פֿירט איצט אַרײַן אין ראַיאָן, זײַנען אין 1933 יאָר בעסער אויסגענוצט געוואָרן איידער אין 1932 יאָר. די עפֿעקטיווקײַט פֿון אויסנוצן די טראַקטערס פֿאַר 2 יאָר קאָן מען זען פֿון פֿאָלגנדיקע פֿאַרגלײַך־אָנגאַבן:

(זע טאַבעלע אַף דער זײַט 72)

די מעכטיקע ענערגעטישע באַזע, וואָס דער ראַיאָן פֿאַרמאָגט אין געשטאַלט פֿון דער מטס און דאָס, וואָס זי ווערט אַלץ מערער באַוואָפֿנט מיט נײַע מאַשינען, איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז מע וועט דורכפֿירן אַלע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאַמפּאַניעס אין קורצע טערמינען. דאָס זיכערט די סאַמע העכסטע ראַציאָנאַליזירונג פֿון אַלע מעטאָדן פֿון דער אַגראָטעכניק. איצט איז שוין די מטס אַ מעכטיקער ענערגעטישער צענטער און ערשט מיט 4 יאָר צוריק האָבן אַלע באַווינטע פּונקטן פֿונעם ראַיאָן פֿאַרמאָגט 12 טראַקטערס און 6 דרעש־מאַשינעס. די מטס איז איצט אויך רײַך מיט

| כאָדאָשימ | 1932 | | 1933 | |
|---|---|---|---|---|
| | 10/20 | 15/30 | 10/20 | 15/30 |
| אַפּרעל . . . . . . . . . | 184 | 177 | 176 | 180 |
| מײַ . . . . . . . . . . | 400 | 365 | 342 | 308 |
| יונ . . . . . . . . . . | 373 | 284 | 246 | 253 |
| יול . . . . . . . . . . | 316 | 244 | 221 | 188 |
| אויגוסט . . . . . . . . | 376 | 241 | 346 | 375 |
| סענטיאַבער . . . . . . . | 349 | 322 | 324 | 389 |
| אָקטיאַבער . . . . . . . | 312 | 237 | 285 | 319 |
| נאָיאַבער . . . . . . . . | 158 | 107 | 256 | 298 |
| דעקאַבער . . . . . . . . | 58 | 41 | 47 | 58 |

די סאמע פארשיידנארטיקע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס. נאָכ אינ 1932 יאָר איז אינ מטס אונ בא די קאָלווירטנ געווענ פאָלגנדיקער אינווענטאר:

די דורכשניטלעכע צאָל שאָענ-ארבעט פונעמ טראקטער לויט כאָדאָשימ אונ לויט טיפּנ מאשינעס.

| | |
|---|---|
| קאָמבײַנעס . . . . . . . . . . . | 4. |
| קאָמפּליצירטע דרעש-מאשינעס . . . . | 44. |
| סטאציאָנארע מאָטאָרנ . . . . . . . | 16. |
| טראקטער-אַקערס . . . . . . . . . | 42. |
| בוקערס . . . . . . . . . . . . | 700. |
| זייעלקעס . . . . . . . . . . . | 325. |
| טריערס . . . . . . . . . . . . | 29. |
| שטערנ-שוויצערס . . . . . . . . . | 395. |
| שנײַד-מאשינ — אויטאָמאטישער אראָפּ-וואַרפער . . . . . . . . . | 58. |
| פערד-הראבליעס . . . . . . . . . | 42. |
| סילאָס-שנײַדערס . . . . . . . . . | 5. |
| וועגענער . . . . . . . . . . . | 1360. |

פארנ לעצטנ יאָר איז דער מאשינ-פּארק פונ מטס באַדײַטנדיק אויסגעוואקסנ. מע האָט ארײַנגעפירט נאָכ קאָמבײַנעס, טראקטערישע גארבנ-בינדערס, דרעש-מאשינעס אונ דעמ איבעריקנ נייטיקנ אינווענטאר. דער



אווטאָ-טראנספּאָרט האָט גענומענ שפּילנ זייער אנ אָנגעזעענע ראָליע באמ אריבערוואַרפנ צו די סטאנציעס אונ עלעוואטערס גרויסע טוועפּארטיעס. אינ מטס זײַנענ אינ 1933 יאָר געווענ 7 לאסט-אווטאָמאָבילנ.

די ווארשטאטנ פונ דער מטס, וועלכע זײַנענ מעכאניזירט אונ עלעקטריפיצירט, שטעלנ מיט זיכ פאָר א גאנצ שטעטל מיט גרויסע שטיינערנע געבײַדעס. דאָ געפינט זיכ דער ווארשטאט, די לאגערס, די גאראזשנ אונ צענדליקער נײַ-אויסגעבויטע וווינ-הײַזער פאר ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע. נאָר ס'וואָלט געווענ א פעלער צו באטראכטנ די מטס בלויז ווי אנ ענערגעטישע באזע. די מטס איז אנ אָרגאניזירנדיקער צענטער, וועלכער העלפט מיט ניט בלויז דער ווירטשאפטלעכער, נאָר אויכ דער אָרגאניזאציאָנעלער פארפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ. באגלײַכ מיט דער אָרגאניזירנדיקער ראָליע אידער אינ די פּראָדוציר-פּראָצעסנ, איז די מטס א צענטער, וועלכער מאָביליזירט די אקטיווקײַט פונ די פאָרגעשריטענע קאָלווירטניקעס אונ פונ דער גאנצער קאָלווירטישער מאסע. די מאשינ איז דער צענטער, וועלכער אָרגאניזירט איר אויסנוצונג, דינט אויכ ווי א פּסיכאָלאָגישער פאקטער אינ איבערדערציִענ די געוועזענע אינדיווידועלע פּויערימ, אינ ריכטנ זייער אקטיווקײַט צומ קאמפ פאר פארווירקלעכנ דעמ לאָזונג וועגנ פארמעגלעכקײַט, פאר אָפּהיטנ דאָס געזעלשאפטלעכע אונ דאָס מעלוכישע פארמעגנ, פאר באהערשנ די טעכניק אונ אגראָטעכניק, פארנ פארפעסטיקנ די נײַע סאָציאַליסטישע ארבעט-פאָרמעס, פאר פאנאנדערוויקלענ דעמ סאָצגעוועט אונ שלאָגלערײַ. די קאָלווירטניקעס פונ נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ האָבנ שוינ אינ א ריי דורכגעפירטע קאמפּאניעס באוויזנ ווירקלעכע שלאָגלערישע טעמפּנ. אינ 1931 יאָר האָבנ די קאָלווירטנ פונעמ ראיאָנ אראָפּגעשניטנ 13450 הא ווינטער-ברויטנ אינ מעשעכ פונ $4^1/_2$ טאָג אונ 9755 הא זומער-ברויטנ אינ מעשעכ פונ $2^1/_2$ טאָג אונ האָבנ אזויארומ פארענדיקט די גאנצע שניט-קאמפּאניע אינ 7 טעג.

אינ מעשעכ פונ 30 טאָג האָט מענ אויסגעדראָשנ די גערעטעניש פונ 23.000 הא. אינ דער זעלביקער צײַט האָט מענ אומופהערלעכ ארויסגעפירט דאָס ברויט צו די שיט-פונקטנ אונ אויסגעפילט אינ א קורצנ טערמינ דעמ גאנצנ פּלאנ פונ ברויט-פארגרייטונגענ.

באמ דורכפירנ די דריטע באָלשעוויסטישע פרילינג-קאמפּאניע האָט דער נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ ווידער געארבעט שלאָגלעריש אונ האָט אויסגעפילט דעמ פרילינג-פארזיי אינ אלגעמיינ אפ 103%, אונ ווייצ אינ מעשעכ פונ 6 טאָג — 109%. באזונדערע פאָרגעשריטענע קאָלווירטנ האָבנ אויסגעפילט דעמ פּלאנ אינ 4 אונ אפילע אינ 3 טעג. אינ דעמ דאָזיקנ ארבעט-ענטוזיאזמ איז די מאשינ-טראקטער-סטאנציע געשטאנענ אינ דער שפּיצ ניט

בלויז אינ זינ פונ אויספילנ אירע ווירטשאפטלעכע אופגאבנ, נאָר אויכ אינ בינ פונ אָרגאניזירנ די קאָלווירטישע מאסנ צומ קאמפ פאר באָלשעוויסטישע טעמפנ אונ קוואליטעט. דאָ האָט א קאָלאָסאלע ראָליע געשפילט דער פּאָליט־אָפּטײל פונ דער מטס. א רײ שלאָג־בריגאדעס אינ זעלענאָפּאָליע, וואָראָ־שילאָווקע, פריוטנע האָבנ באוויזנ ווירקלעכ מוסטערנ פונ שלאָגלערישער, אָנגעשטרענגטער ארבעט אונ האָבנ פארזיכערט דעמ ניצאָכנ אפנ פארזײ־פראָנט. דער ראיאָנ איז טאקע פארצײכנט אינ א רעגירונגס־אקט אלס אײ־נער פונ די פאָרגעשריטענע אינ פראט פונ דורכפירנ דעמ דריטנ באָלשע־וויסטישנ פארזײ.

א קאָלאָסאלער אונטערשײד איז פאראנ צווישנ דעמ, וויאזוי עס גײענ דורכ די פארזײ־קאמפּאניעס איצט אונ וויאזוי זײ פלעגנ דורכגײנ אינ דער פארגאנגענהײַט — אינ די אינדיווידועלע ווירטשאפטנ, ווענ ס׳האָט געפעלט דאָס סאמע פרימיטיווע געצײַג, ווענ דער אָרעמער קאָלאָניסט פלעגט דארפנ גײנ אויסקליאנטשענ די זײעלקע באמ באלעגופ, ווענ דער פארזײ פלעגט זיכ באמ אָרעמענ קאָלאָניסט פארציִענ אפ 2—3 וואָכנ.

ס׳איז גענוג צו ברענגענ עטלעכע ציפערנ, קעדײ ס׳זאָל קלאָר ווערנ די נישטיקע צאָל מאשינעס אינ די אלטע קאָלאָניעס, ביפראט נאָכ, אז צום סאָפ פונעם רעקאָנסטרוקציע־פעריאָד האָט די אינדיווידועלע קאָלאָניסטישע ווירטשאפט נאָכ ווײַט ניט דערגרייכט דעמ פארמילכאָמעדיקנ ניווע, אינ זינ פונ געזיכערטקײַט מיט לאנדווירטשאפטלעכנ אינווענטאר. וויפל געצײַג אונ מאשינעס עס האָבנ געהאט יעדע הונדערט קאָלאָניסטישע ווירטשאפטנ אינ נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ באווײַזט די פאָלגנדיקע טאבעלע.

| מאשינעס אונ געצײַג | ביז דער מילכאָמע | אינ 1927 יאָר |
|---|---|---|
| אקערס . . . . . . . . . | 61 | 30 |
| בוקערס . . . . . . . . | 61 | 27,2 |
| זײעלקעס . . . . . . . . | 11 | 13,5 |
| שנײַד־מאשינעס . . . . . | 23 | 20,0 |
| זײעלקעס אונ סאָרטיראָווקעס . | 24 | 23,3 |
| וועגענער . . . . . . . . | 72 | 15,2 |

אזא לאגע דערקלערט זיכ ניט בלויז דערמיט, וואָס די אָנפּערדיקע ווירטשאפטנ (זײער ספּעציפישער געוויכט האָט דערגרייכט ביז 40%) האָבנ



ניט פארמאָגט קײנ אינווענטאר, נאָר אויכ דערמיט, וואָס אפילע די ווירט־שאפטנ, וועלכע האָבנ געהאט פערד, זײַנענ ווײַט ניט געווענ געזיכערט מיט אינווענטאר. זײ האָבנ אפילע ניט געהאט קײנ אינווענטאר אינ שוט־פישנ באנוצ מיט זײערע נאָענטע דאָרפישע שכײנים.

אזוי, לעמאָשל, איז אינ 8 קאָלאָניעס פונעם זאפּאָראָזשער קרײַז די לאגע אינ דעמ דאָזיקנ פראט געווענ אזא:

| | |
|---|---|
| אלגעמײנע צאָל ווירטשאפטנ . . . . . . . . | 783 |
| דערפונ אָנפּערדיקע . . . . . . . . . | 282 אָדער 36% |
| מיט פערד . . . . . . . . . . . . | 501 |
| פונ די ווירטשאפטנ מיט פערד האָבנ ניט קײנ | |
| אקער־געצײַג, אינגאנצנ אָדער טײלווײַז . . . | 184 |
| אָנ וועגענער, אינגאנצנ אָדער טײלווײַז . . . . | 112 |

אונ אויב די אָנפּערדיקע ווירטשאפטנ האָבנ אָפּגעגעבנ די ערד אינ ארענדע אָדער האָבנ געדונגענע מענטשנ אפ צו באארבעטנ זי, איז א בא־דײַטנדיקער טײל פונ די ווירטשאפטנ, וואָס האָבנ יאָ געהאט פערד, געווענ געצוווּנגענ צו דינגענ געצײַג.

ס׳זײַנענ ניט נײטיק קײנ קאָמענטאריעס, קעדײ ס׳זאָל ווערנ קלאָר דער נידעריקער ניוואָ פונ דער אגראָטעכניק, וועלכער האָט געהערשט בא דער שארפ אויסגעדריקטער קלאסנ־דיפערענצירונג ביזנ פעריאָד פונ דער סאָציא־ליסטישער רעקאָנסטרוקציע אינ דער לאנדווירטשאפט.

אפנ פאָנ פונ די אויבנ געבראכטע מאטעריאלנ ווערט באזונדערס רעלי־עפ, די אלצ וואקסנדיקע מעכטיקײַט פונ די ענערגעטישע צענטערס אינ געשטאלט פונ די מטס, וועלכע פארמאָגנ דעמ סאמע פארפולקומטנ לאנד־ווירטשאפטלעכנ אינווענטאר.

## ברויט־פארגרײטונגענ

די קאָלאָסאלסטע דערגרײכונגענ, וואָס דער ראיאָנ האָט בא דער נײַער קאָלווירטישער אָרדענונג, האָבנ געשאפנ די דירעקטע עקאָנאָמישע באזע פאר דעמ שטײַגנדיקנ וווילשטאנד פונ די קאָלווירטניקעס. צוזאמענ דער־מיט איז באדײַטנדיק אויסגעוואקסנ דער סכוירעדיקער טײל פונ דער פעלד־צוכטלערישער פּראָדוקציע. דער ראיאָנ איז אינ מעשעכ פונ א רײ יאָרנ געווענ א פאָרגעשריטענער אינ פראט פונ אויספילנ די פלענער פונ ברויט־פארגרײטונגענ. דער קלאסנ־סוינע האָט געפּרוּווט מיט אלע מיטלענ ארונ־טערצורײַסנ די דאָזיקע וויכטיקע ווירטשאפטלעכ־פּאָליטישע קאמפּאניע, נאָר עס האָט זיכ אימ ניט אײַנגעגעבנ.

באזונדערס פיל ברויט האָט דער ראיאָנ פארגרײט אינ 1931 יאָר. אינ דעמ דאָזיקנ יאָר האָט דער ראיאָנ אָפּגעליפערט דער מעלוכע 809.280 פוד ברויט אונ 24.240 פוד זונענ־רויזנ אונ אנדערע אײל־קולטורנ.

דער פּלאַן פון ברוטאָ־פּראָגרייטונגען איז אויסגעפּילט געוואָרן אַפּ 120%.
שפּעטער, ווען די ראַיאָנישע אָרגאַניזאַציעס האָבן, לויט דער דירעקטיוו פון דער רעגירונג, זיך געווענדעט צו קאָלווירטן וועגן דעם, אַז זיי זאָלן העלפן מיט זריע די קאָלווירטן פון די שכײנישע ראַיאָנען, האָבן די קאָלווירטן פון נײַזלאָטאָפּאָלער ראַיאָן צונויפגעזאַמלט 27.000 פּוד זומער־ווייץ און גערשטן און האָבן געהאָלפן מיט זריע דעם שכײנישן מעזשעווער ראַיאָן.

אַזויפיל סכוירעדיקע ברויט, וויפל מ'האָט צונויפגעזאַמלט אין יאָר 1931, האָט מען ניט אויפגעקליבן ניט ביז דער מילכאָמע, און ניט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע. פון 1.314.000 פּוד ברוטאָ־פּראָדוקציע פון קערנער־קולטורן האָט מען אָפּגעליפערט דער מעלוכע, ווי ס'איז אויבן אָנגעוויזן, 809.280 פּוד אָדער 61,5%.

פריער, אין די יאָרן פון דער העכסטער גערעטעניש, פלעגט די סכוירעדיקײט פון דער קערנער־פּראָדוקציע דערגרייכן ביז 50—45 פּראָצ. קימאַט שטענדיק פלעגט מען אינעם ערשטן האַלב יאָר פאַרקויפן 30—25 פּראָצ. פונעם גאַנצן שניט. דער באַלעגוף פלעגט אָבער אײַנהאַלטן דאָס ברויט ביז פרילינג, ווען די פרײַזן פלעגן שטײַגן.

די קאָלווירטישע אָרדענונג האָט אויך אַפּן בײַשפּיל פון נײַזלאָטאָפּאָלער ראַיאָן באַוויזן, אַז די פּראָדוקציע פון דער מעכאַניזירטער גרויסער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט האָט ניט בלויז פאַרביטן די סכוירעדיקע פּראָדוקציע פונעם גוטסבאַזיצער און באַלעגוף, נאָר, אַז זי האָט זיי אַפילע איבערגעשטיגן. די קאָלווירטישע מאַסן האָבן באַנומען דעם פּאָליטישן טאַקט פון אויספילן די טוויע־ליפערונגען דער מעלוכע אין די סאַמע קורצע טערמינען. דער באַלעגוף איז אַפּן סאַמע וויכטיקסטן באַצירק דערשלאָגן געוואָרן דורך דעם אַלץ שטײַגנדיקן פּאָליטישן באַוווסטזײַן פון די ברייטע קאָלווירטישע מאַסן. לויט אייניקע יאָרן האָט זיך די גרייס פון די טוויע־ליפערונגען אויסגעדריקט אין פאָלגנדיקע ציפערן:

| יאָרן | ברוטאָ גערעטעניש פון טוויע אין צנט. | אָפּגעליפערט דער מעלוכע | פאַרזיי־שטעטע פון קערנער אײנגעשלאָסן קוקורוזע | אָפּגעליפערט פון 1 הא | % פון סכוירעדיקײט צום גאַנצן שעטעכ |
|---|---|---|---|---|---|
| 1930 . . . . . . . . . . | 130.800 | 46.200 | 23.799 | 1,9 | 35,3% |
| 1931 . . . . . . . . . . | 219.000 | 134.830 | 25.735 | 5,2 | 61,5 |
| 1932 . . . . . . . . . . | 180.000 | ניטאָ קיין ידיעות | 22.830 | ניטאָ קיין ידיעות | ניטאָ קיין ידיעות |
| 1933 . . . . . . . . . . | 178.830 | 95.300 | 23.577 | 4,0 | 53,3 |
| דעריב נאַטור־אָפּצאָל דער מטס . . . . . | | 23.485 | | | |



| קאָלווירטן | באַקומען ברויט אין קילאָגר. פאַר 1 טאָג אַרבעט 1933 יאָר | 1932 יאָר |
|---|---|---|
| א. קאָלווירטן אין קאָלאָניעס | | |
| 1. „אוואַנגאַרד" . . . . . . . . . | 7,6 | 1,6 |
| 2. „ליבקנעכט" . . . . . . . . . | 3,0 | 2,0 |
| 3. „בעזבאָזשניק" . . . . . . . . | 3,4 | 1,3 |
| 4. „דזערזשינסקי" . . . . . . . . | 8,5 | 2,0 |
| 5. „סאָצדאָרף" . . . . . . . . . | 5,0 | 1,7 |
| 6. „פּעטראָווסקי" . . . . . . . . | 3,0 | 1,4 |
| 7. א. נ. פון ראָזע לוקסעמבורג . . | 7,4 | 2,1 |
| 8. א. נ. פון כ' כאַטאַיעוויטש . . | 5,0 | 2,2 |
| 9. „פּאַבריציוס" . . . . . . . . | 4,5 | 1,0 |
| 10. קאָמונע „עמעס" . . . . . . . | 8,0 | 2,2 |
| 11. א. נ. פון כ' פּאַסטישעוו . . . | 2,5 | 1,4 |
| ב. קאָלווירטן אין אוקראַיִנישע דערפער | | |
| 1. „סכויד" . . . . . . . . . . . | 3,5 | 2,4 |
| 2. „פּאַרטיזאַן" . . . . . . . . . | 2,0 | 2,0 |
| 3. „פּערעמאָהאַ" . . . . . . . . | 8,0 | 2,2 |
| 4. „קאָמונאַר" . . . . . . . . . | 4,7 | 1,7 |
| 5. „נאָווא זשיטיאַ" . . . . . . . | 6,0 | 1,8 |
| ג. איבערוואַנדערישע קאָלווירטן | | |
| 1. „8־טער מאַרט" . . . . . . . . | 1,5 | 1,2 |
| 2. „רויטער פויער" . . . . . . . | 1,2 | 1,0 |
| 3. „אָקטיאַבער" . . . . . . . . . | 2,0 | 1,6 |
| 4. „ראַטנפויער" . . . . . . . . . | 0,9 | 2,2 |
| 5. א. נ. פון כ' סטאַלין . . . . . | 3,5 | 1,7 |
| 6. „פּאָרויס" . . . . . . . . . . | 6,0 | 2,1 |
| 7. „נײַלעבן" . . . . . . . . . . | 2,0 | 1,0 |
| 8. „10 יאָר קנס" . . . . . . . . | 3,0 | 1,5 |
| 9. „10 יאָר קאָמיוניג" . . . . . . | 3,0 | 1,5 |
| 10. „פּאַריזשער קאָמונע" . . . . . | 3,5 | 1,7 |
| 11. „האָפּענונג" . . . . . . . . . | 2,5 | 1,2 |
| 12. „סשובאַר" . . . . . . . . . . | 3,0 | 1,7 |
| 13. „רויטפעלד" . . . . . . . . . | 3,0 | 1,4 |

דער ברויט־פּאַרגרייטונג־פּלאַן פון 1933 יאָר איז אויסגעפילט געוואָרן אף 100%.

ווי ס'איז צו זען האָט דער געזעץ וועגן פעסטע ברויט־ליפערונגען פונעם פּלאַנאָוון פּאַרזיי־שעטעכ פון איין זייט סטימולירט דאָס אויספילן די פּאַרזיי־פּלענער, און פון דער אנדערער זייט—פאַרגרעסערט די דערנערונג־ און פוראַזש־רעסורסן פון די קאָלווירטן און האָט געזיכערט א העכערן נאַטור־אָפּצאָל פאר ארבעט.

ס'איז גענוג בלויז צו ברענגען די אָנגאַבן וועגן דער גרייס פון נאַטור־אָפּצאָל פאר א טאָג ארבעט אין 1933 יאָר אין פאַרגלייך מיטן 1932 יאָר, קעדיי עס זאָל ווערן קלאָר, אף וויפל עס האָט זיך געהעכערט דער וווילשטאַנד פון די קאָלווירטניקעס. ס'פאַרשטייט זיך, אז אין פאַרשיידענע קאָלווירטן איז פאַרשיידן די גרייס פונעם נאַטור־אָפּצאָל, זי הענגט אָפּ פון דער קוואַליטעט פון דער באַארבעטונג און פון שניט, ווי אויך פון דער ארבעט־אָרגאַניזירונג.

מיר וועלן ברענגען אָנגאַבן וועגן דער גרייס פון דעם נאַטור־אָפּצאָל פאַרן 1933 יאָר און פאַרן 1932 יאָר אין אַלע קאָלווירטן פונעם ראַיאָן: (זע די טאַבעלע אף דער זייט 77)

ווי ס'איז צו זען האָט מען פון 29 קאָלווירטן בלויז אין איין קאָלווירט באַקומען פאר א טאָג ארבעט ווינציקער ברויט, איידער אין 1932 יאָר. אַלע איבעריקע 28 קאָלווירטן האָבן אָבער באַקומען אין 3,2 און אפילו 4 מאָל מערער איידער אין פאַריקן יאָר. דערביי האָט מען אַמבעסטן פאַרדינט אין די קאָלווירטן, וועלכע געפינען זיך אין די אַלטע קאָלאָניעס און אין די אוקראַינישע דערפער.

וואָס פאר א קולטורן האָט אין גרונט געזייט די אינדיווידועלע פּויערשע ווירטשאַפט אין דעם גאַנצן קריין?

ביז דער מילכאָמע האָבן (אין גרונט) 2 קולטורן—זומערדיקע ווייץ און גערשטן, פאַרנומען 80%—85% פונעם שעטעכ. זייער ווייניק האָט מען געזייט ווינטערדיקע ווייץ, וועלכע גיט די גרעסטע גערעטעניש אינעם סטעפּ־פּאַס. קוקורוזע האָט פאַרנומען באַזונדערע אינדזלען. איצט אָבער פאַרנעמען דאָ די ווינטער־ברויטן אומעטום און אויך אין ניי־זלאַטאָפּאָלער ראַיאָן קימאַט האַלב פונעם גאַנצן פּאַרזיי־שעטעכ. קוקורוזע זייט מען אף גרויסע דורכויסיקע קאָלווירטישע מאַסיוון. ס'האָט זיך געענדערט אויך די סטרוקטור פון דער סכוירעדיקער קערנער־פּראָדוקציע. ביז דער מילכאָמע איז דער גרונטלעכער סכוירע־פּראָדוקט געווען גערשטן, זומערדיקע ווייץ איז געווען בלויז אפן 2־טן אָרט. איצט אָבער גייט אפן ערשטן אָרט ווינטער־ווייץ, אפן 2־טן אָרט זומער־ווייץ, און גערשטן איז אָפּגערוקט געוואָרן אפן 3־טן אָרט. אזוי האָט אין 1931 יאָר אין די 134.830 צענטנער ברויט־



וואָס מע האָט אָפּגעליפערט דער מעלוכע, ווייץ באַטראָפן 95.050 צענטנער אָדער 70,5%.

דער ספּעציפישער געוויכט פון באַזונדערע קערנער־קולטורן אין דעם ברוטאָ־אַראָפּנעם אין 1933 יאָר שטעלט זיך פאָר אף פאָלגנדיקן אופן:

| | | |
|---|---|---|
| ווינטער־ווייץ | ........ | 49.048 צענטנער |
| ווינטער־קאָרן | ........ | 18.873 " |
| זומער־ווייץ | ........ | 21.545 " |
| גערשטן | ........ | 35.136 " |
| האָבער | ........ | 6.230 " |
| קוקורוזע | ........ | 41.638 " |
| פּראָסע | ........ | 6.362 " |

ס'שטעלן מיט זיך פאָר אן אינטערעס די אָנגאַבן וועגן דער צאָל אראָפּגענומענע דערנערונג־ און פוראַזש־טוווע אין 1933 יאָר אין פאַרגלייך מיט 1927 יאָר (אין דורכשניט אף איין מענטשן).

אָט זיינען די אָנגאַבן:

| יאָרן | זומער, ווינטער־ווייץ און קאָרן | איבעריקע קערנער־קולטורן: גערשטן, האָבער, קוקורוזע, רוויזן, לײַן | אינגאַנצן קערנער־קולטורן |
|---|---|---|---|
| 1927 ........... | 12,1 | 4,2 | 16,3 |
| 1933 ........... | 8,9 | 9,3 | 18,2 |

דאָס וואָס אין 1933 יאָר איז אויסגעקומען אין דורכשניט אף איין מענטש ווייניקער דערנערונגס־קולטורן איידער אין 1927 יאָר דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אין 1933 יאָר האָבן די ווינטער־קולטורן שטאַרק געליטן, און די גערעטעניש איז געווען אסאַך נידעריקער פון די דורכשניטלעכע גערעטענישן פאר א סאַך יאָרן. דערפאַר איז אָבער מער ווי אין 2 מאָל אויסגעוואַקסן דער דורכשניט פון די איבעריקע קערנער־קולטורן. פון זיי ווערט צו דער גרופּע דערנערונג־קולטורן צוגערעכנט אויך קוקורוזע, וועלכע איז איינגעשלאָסן געוואָרן אינעם דערנערונג־בודזשעט פון דער קאָלווירטישער באַפעלקערונג אינעם ראַיאָן, ביפראַט נאָך, אז אין 1933 יאָר איז געווען א שלעכטע גערעטעניש פון קאַרטאָפל.

דאָס וויכטיקסטע, וואָס אנטשיידט די דערפאָלגן פון דער ברויט־פאַר־גרייטונג־קאַמפּאַניע, איז דאָס אויספילן די פּלענער אין די איינגעשטעלטע טערמינען. ווי מיר האָבן געזען פריער, האָט דער ראַיאָן אין אָקטיאַבער שוין געהאַט פאַרענדיקט די ברויט-פאַרגרייטונג. די אָנשטרענגונגען, וועלכע עס איז געווען צו באַמערקן אין א ריי קאָלווירטן, איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם, וואָס עס האָט זיך פאַרצויגן די שניט-קאַמפּאַניע און דאָס דרעשן. די פאַראַנענע דרעש־מאַשינעס זיינען ניט געווען פולשטענ־דיק אָנגעלאָדן צוליב דעם, ווייל עס האָט אויסגעפעלט אַרבעט־קראַפט. אָנשטאָט 3 וואַכטעס האָט געאַרבעט 1 וואַכטע, מע האָט שפּעט געדראָשן און איבער דעם, וואָס אַסאַך ברויט איז געבליבן ליגן אין די פעלד-סקיר־דעס, האָבן אומפאַרמיידלעך געמוזט זיין גרויסע פאַרלוסטן.

פונעם אויספילן די שניט־אַרבעטן צום טערמין הענגט אָפּ דער דער־פאָלג סיי פון די ברויט־פאַרגרייטונגען, סיי פון די גרונטלעכע פּראָדוציר־קאַמפּאַניעס, וועלכע ווערן דורכגעפירט אין שפּעט־זומערדיקן און האַרבסט־פּעריאָד. דערפון איז צו זען, אז אין די באַדינגונגען פון ניי־זלאָטאָפּאָלער ראַיאָן מיט זיין מעכטיקער מטס, איז די אַרבעט־קראַפט דער גרונט-עלעמענט, וואָס לימיטירט דאָס אויספילן דיווירטשאַפטלעכע קאַמפּאַניעס צו דער צייט. דאָס באַזעצן די קאָלווירטן מיט נייע איבערוואַנדערער איז אָפּ אַזא אויפן א נייטיקער מאָסמיטל פאַר דער אָרגאַניזאַציאָנעל-ווירטשאַפטלעכער פאַרפעסטיקונג פון די קאָלווירטן, סיי אין די איבערוואַנדערישע ייִשובים און סיי אין די אַלטע קאָלאָניעס.

דער צווייטער לימיטירנדיקער פאַקטער איז די לעבעדיקע שלעפּ-קראַפט. די צענדליקער לאַסט-אויטאָמאָבילן קאָנען ניט, פאַרשטייט זיך, אַבסאָליוט לייזן די פראַגע וועגן דער טראַנספּאָרטירונג פון די הונדערטער טויזנטער פּודן ברויט. באַזונדערס שאַרף פילט זיך דער מאַנגל אין פערד אין די קאָל־ווירטן אין יענעם מאָמענט, ווען עס איז נייטיק אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט פונעם טראַנספּאָרט. דאָס פאַרגרעסערן די פערד־סטאַדע איז דעריבער אויך איינע פון די אַקטועלסטע אויפגאַבן, וואָס שטייען אַפן טאָג־אָרדענונג אין ראַיאָן.

איבערן צושטאַנד פון דער פערד-סטאַדע אין ראַיאָן וועלן מיר געבן אַן איבערזיכט אין דעם קאַפּיטל וועגן פיצוכט.

## פיצוכט

דער קלאַסן־קאַמף, וועלכער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין דאָרף, איבן פּראָצעס פון דער קאָלווירטישער מאַסן-באַוועגונג, האָט זיך באַזונדערס קרענקלעך אָפּגערופן אַפן צושטאַנד פון דער פיצוכט. דאָ האָבן די אָפּענע



אַרויסטרעטונגען פונעם באַלעגוף, זיינע אונטערהעצערישע אַגיטאַציע באַוויזן צו ברענגען דער פאָלקווירטשאַפט א גרויסן שאָדן. אין די רעאָרגאַניזאַציע־יאָרן האָט די אונטערגראָבערישע אַגיטאַציע פונעם קלאַסן־סוינע געהאַט זייער א שעדלעכן איינפלוס אויך אָפּ די מיטל-פּויערים.

דער באַלעגוף, וועלכער האָט פריִער פון אַלע פאָרויסגעפילט און דערזען די ליקווידירונג פון זיין ווירטשאַפטלעכער מעכטיקייט, האָט אַליין פריִער פון אַלע ליקווידירט זיינע פי און האָט געשטויסן דערצו דעם מיטל-פּויער.

„אין פאַרלויף פון א ריי יאָרן, וואָס געהערן צום רעאָרגאַניזיר־פּעריאָד, ביזן סאַמע 1934 יאָר, האָבן מיר געהאַט א זיך אַלץ פאַר־שטאַרקנדיקע יערידע פון דער פיצוכט. דאָס האָט שטאַרק פאַרהאַלטן דעם וווּקס פון דער ברוטאָ־פּראָדוקציע פון דער גאַנצער לאַנדווירט־שאַפט״ (פון כ׳ מאָלאָטאָווס פּאָרטראַג אַפן 7־טן אַלפאַרבאַנדישן ראַטן־צוזאַמענפאָר).

ווי־זשע באַשטייט עס מיט דער פיצוכט אין ניי־זלאָטאָפּאָלער ראַיאָן איצט? מיר וועלן אָנהייבן פון די פערד.

די דינאַמיק פון דער פערד־סטאַדע פאַר א ריי לעצטע יאָרן שטעלט מיט זיך פאָר אַזא בילד:

| | פ ע ר ד | | | ל אָ ש ע ק ל ע ך | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| יאָרן | אין קאָלווירטן | אין איינדיוו. | אינגאַנצן | אין קאָלווירטן | אין איינדיוו. | אינגאַנצן |
| 1929 . . . . | — | — | 2810 | — | — | 807 |
| 1930 . . . . | 1070 | 1242 | 2312 | 180 | 524 | 704 |
| 1931 . . . . | 2118 | 140 | 2258 | — | — | 700 |
| 1932 . . . . | 1248 | 116 | 1364 | — | — | 500 |
| 1/I צום 1933 | 1305 | — | 1305 | 277 | — | 277 |
| 1/I צום 1934 | 1259 | — | 1259 | 160 | — | 160 |

אויב מע זאָל אָננעמען די צאָל פערד אין 1929 יאָר פאַר 100 פּראָצענט, איז די פאַרקלענערונג לויט די יאָרן פאָרגעקומען אַפן פאָלגנדיקן אויפן:

עס שטעלט מיט זיכ אויכ פאָר אנ אינטערעס די לאגע, אינ וועלכער עס האָבנ זיכ געפונענ די קאָלאָניסטישע ווירטשאפטנ פונ נײַזלאָטאָפּאָלער ראיאָנ ביזנ אָנהייב פונ דער קאָלעקטיוויזאציע אינ פראט פונ געזיכערטקײַט מיט פערד. אינטערעסאנט איז דאָ ניט די אלגעמיינע צאָל פערד, נאָר די דיפערענצירטע, ד.ה. וויאזוי ס'זײַנענ געווענ פארטיילט איינצלנע גרופנ פונ אינדיווידועלע ווירטשאפטנ לויט דעמ, אפ וויפל זיי זײַנענ געווענ געזיכערט מיט פערד. עס איז געווענ א גאנצ באדײַטנדיקער פראָצענט ווירטשאפטנ אָנ פערד אונ מיט איינ פערד. די דאָזיקע לעצטע גרופע איז געווענ געצוווּנגענ אָנצוקומענ צו דער צונויפשפּאנונג אונ פלעגט אָפט פארשפעטיקנ מיט אלע קאמפאניעס.

דער מאטעריאל, וואָס מיר פארמאָגנ וועגנ די יאָרנ 1924 אונ 1927 אינ 8 קאָלאָניעס פונעמ געוועזענעמ זאפּאָראָזשער קרײַז, וועלכע גייענ איצט ארײַנ אינ נײַזלאָטאָפּאָלער ראיאָנ, כאראקטעריזירט די דאָזיקע לאגע.

פאנאנדערטיילונג פונ די ווירטשאפטנ לויט דער צאָל פערד, וואָס זיי פארמאָגנ (אינ פראָצענטנ)

| גרופעס | 1924 יאָר | 1927 יאָר |
|---|---|---|
| אָנ פערד | 48,8 | 36,1 |
| מיט 1 פערד | 41,7 | 28,2 |
| מיט 2 פערד | 9,3 | 33,6 |
| מיט 3 פערד » | 0,2 | 1,9 |
| מיט 4 פערד אונ מערער | — | 0,2 |
| | 100,0 | 100,0 |

ווי ס'איז צו זענ האָבנ די קאָלאָניעס פארנ כאראקטעריזירטנ פעריאָד באוויזנ קענטיק פארקלענערנ די צאָל אָנפערדיקע ווירטשאפטנ. ס'איז באדײַטנדיק אויסגעוואקסנ א גרופע פונ ווירטשאפטנ מיט 2 פערד, ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ אויסטיילנ א ווירטשאפטלעכ־מעכטיקע גרופע מיט 3-4 פערד. נאָר דאָכ זענ מיר, אז אפילע צו פרילינג 1928 יאָר האָבנ די אָנפערדיקע ווירטשאפטנ באטראָפנ אריבער 36% אונ 28% ווירטשאפטנ האָבנ געהאט בלויז צו 1 פערד.

דאָס קאָלווירטישע דאָרפ איז אוועק אפ א נײַעמ וועג. די קאָלעקטיוויזאציע האָט ליקווידירט די אָנפערדיקײַט אלס קלאסנ־סימענ פונ דער פראָדוקציע. די פארגעזעלשאפטלעכטע פערד־סטאדע איז א זאכ, פאר וועלכנ



עס זאָרגט דער גאנצער קאָלווירט. איצט איז שוינ פאר אלע קאָלווירטניקעס קלאָר געוואָרנ, אז בלויז דורכ דער פארפעסטיקונג פונ דער גאנצער קאָלעקטיווער ווירטשאפט קאָנ פארבעסערט ווערנ דער ווילשטאנד פונ יעדנ איינציקנ קאָלווירטניק. פונ דער סאמע געדיכטעניש פונ דער קאָלווירטישער מאסע זײַנענ ארויס מענטשנ, וועלכע פירנ אנ אומופהערלעכנ קאמפ פאר פארפעסטיקנ דעמ קאָלווירט, פאר אָפּהיטנ דאָס געזעלשאפטלעכע אייגנטומ. דער פאָליט-אָפּטייל פונ דער מטס, דער רײַקאָמ פונ דער פארטיי, די גאנצע פארטיי־אָרגאניזאציע האָבנ ארויסגערוקט נײַע מענטשנ, איבערגעגעבענע דער סאָציאליסטישער בויונג אונ האָבנ געווענדעט זייער אקטיווקײַט אפ צו באשאפנ באָלשעוויסטישע קאָלווירטנ. דער שווערסטער באצירק איז באהערשט געוואָרנ. ס'האָבנ זיכ געעפנט נײַע פערספעקטיוונ: אפ דער באזע פונ דער אָרגאניזאציאָנעלער ווירטשאפטלעכער אונ פאָליטישער פארפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ, אפ דער באזע פונ זאָרגעוודיקנ אָפּהיטנ דאָס געזעלשאפטלעכע אייגנטומ, פונ זײַנ פארגרעסערונג, פונ זיכערנ די אָנוואקסונג אונ פארמעגלעכקײַט בא די קאָלווירטניקעס גופע.

## גרויסע האָרנפּי

איצט וועלנ מיר אריבערגיינ צו א צווייטנ געביט פונ פיצוכט צו דעמ גרויסנ האָרנפּי.

דאָ דארפ מענ פארצייכענענ, אז נאָכ ביזנ אָנהייב פונ דער איבערוואנדערונג האָבנ די קאָלאָניסטנ פונ נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ געהאָדעוועט זייער ווערטפולע פּראָדוקטיווע מילכ-פי. זיי פלעגנ שטענדיק אָפּגעבנ גרויס אופמערקזאמקײַט דעמ דאָזיקנ געביט פונ זייער ווירטשאפט. די סטאדע פונעמ גרויסנ האָרנפּי איז אפ 70‑75% באשטאנענ אונ באשטייט אויכ איצט פונ דער רויט-דײַטשישער ראסע. נאָכנ בירגער־קריג אונ נאָכנ 1921 יאָר זײַנענ אָבער די קאָלאָניעס געוואָרנ ווירטשאפטלעכ אָפּגעשוואכט. אינ 1924 יאָר איז אפ 100 ווירטשאפטנ אינ די קאָלאָניעס פונ זאפּאָראָזשער קרײַז אויסגעקומענ צו 62 קי. אינ די קאָלאָניעס פונ מאריופּאָלער קרײַז, וועלכע האָבנ ווייניקער געליטנ פונעמ בירגערקריג, האָט די צאָל פי אפ 100 ווירטשאפטנ באטראָפנ 88. אינ די שפּעטערדיקע 3 יאָר, 1925—1927, איז די געזיכערטקײַט מיט בעהיימעס באדײַטנדיק אויסגעוואקסנ. אונ צומ אָנהייב 1928 יאָר האָט זי דערגרייכט ביז 109 קי (אפ 100 ווירטשאפטנ) אינ די קאָלאָניעס פונ זאפּאָראָזשער קרײַז אונ ביז 146—אינ די מאריופּאָלער קאָלאָניעס.

כאראקטעריסטיש איז, וואָס די ייִדישע קאָלאָניעס אינעמ איצטיקנ נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ זײַנענ געווענ געזיכערט מיט גרויסנ האָרנפּי אינ א סאכ א גרעסערער מאָס, איידער די אוקראַיִנישע ווירטשאפטנ אינ די

שכײניִשע ראיאָנען. זײ זײַנען אָבער געװען װײניקער געזיכערט מיט פערד. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, װאָס נאָכן בירגערקריג איז אין די קאָלאָניעס פארבליבן א גאנץ היפּשע צאָל װירטשאפטן פון אלמאָנעס און יעסוימים אָן ארבעטפײיִקע פאמיליע-מיטגלידער. זײ פלעגן אָפּגעבן די ערד אין ארענדע, װײַל זײ האָבן ניט געהאט ניט קײן אינװענטאר און ניט קײן פערד. קי האָבן אָבער געהאלטן אויך א סאך פון די דאָזיקע פאמיליעס. דערמיט דערקלערט זיך אײגנטלעך דער קלענערער פּראָצענט אָנבעהײמעסדיקע פאמיליעס, אין פארגלײַך מיטן פּראָצענט אָנפערדיקע װירטשאפטן. די גרעסערע געזיכערטקײַט מיט גרויסן האָרנפי אין פארגלײַך מיטן אוקראַיִנישן דאָרף איז געװען א רעזולטאט פון א באזונדערער אויפמערקזאמקײַט צו דעם דאָזיקן װירטשאפט־געביט. דערצו דארף מען צוגעבן, אז ביז די לעצטע 5 יאָר האָבן די ייִדן־קאָלאָניסטן זיך ניט באשעפטיקט מיט כאזײרים-צוכט.

אָט זײַנען פארגלײַך-אָנגאבן װעגן דער געזיכערטקײַט מיט קי און מיט פערד אין די קאָלאָניעס און אין די אוקראַיִנישע דערפער פארן 1927 י.

אף 100 װירטשאפטן איז אויסגעקומען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין אלקערמענטשינער ראיאָן פון געװעזענעם מאריופּאָלער קרײַז . . . . | 176 פערד | 134 קי | |
| אין די קאָלאָניעס סלאדקאָװאָרנע, נאדיאָזשנע, זעליאָנאָפּאָלע און פּראָלעטארסקאיא, װעלכע זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן ראיאָן . . . . | 145 „ | 148 „ | |
| דיפערענץ . . . . . . . | — 31 | — 14 „ | + |
| הולײַפּאָליער ראיאָן . . . . . . . . . . . | 114 „ | 82 „ | |
| אין 8 קאָלאָניעס פונעם זאפּאָראָזשער קרײַז, װעלכע זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן ראיאָן . . . . . . . . . | 102 „ | 109 „ | |
| דיפערענץ . . . . . . . | 12 פערד — | 27 קי | + |

די זאָרגזאמע באציִונג צום יונגפי, צום אויפהאָדעװען און אײַנהיטן קעלבלעך האָט געזיכערט די פארגרעסערונג פון דער פי-טשערעדע. לויט די אָנגאבן פון 1927 יאָר איז אין געװעזענעם זאפּאָראָזשער קרײַז אף יעטװידע 100 קי אויסגעקומען 86,4 קעלבלעך און עקסלעך, און אין די קאָלאָניעס פונעם געװעזענעם זאפּאָראָזשער קרײַז — 102,4.

די פארטײלונג פון די װירטשאפטן לויט דער געזיכערטקײַט מיט קי אין 1927 יאָר אין פארגלײַך מיט 1924 יאָר, װען די קאָלאָניעס האָבן בלויז אָנגעהויבן אויפצושטעלן זײער װירטשאפט, איז געװען אזא:



צײַגערס אין פּראָצענטן לויטן דער אלגעמײנער צאָל װירטשאפטן.

| גרופּעס | 1924 יאָר: קאָלאָניעס פון געװ. זאפּאָראָזשער קרײַז | 1924 יאָר: קאָלאָניעס פון געװ. מאריופּ. קרײַז | 1927 יאָר: קאָלאָניעס פון געװ. זאפּאָראָזש. קרײַז | 1927 יאָר: קאָלאָניעס פון געװ. מאריופּ. קרײַז |
|---|---|---|---|---|
| אָן קי . . . . . . . . . . | 33,7 | 15,0 | 18,4 | 11,8 |
| מיט 1 קו . . . . . . . . | 55,7 | 72,0 | 57,6 | 42,2 |
| מיט 2 קי . . . . . . . . | 9,7 | 10,9 | 20,5 | 35,8 |
| מיט 3 און מער קי . . . . . | 0,9 | 2,1 | 3,5 | 10,2 |
| | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 |

דער אָרגאניזיר־פּעריאָד האָט זיך אויך דאָ אָפּגערופן קרענקלעך, כאָטש אין א קלענערער מאָס אײדער אפן ארבעט-פי. די באזונדערע „לינקאַטשישע" פארקריפּלונגען פון דער פּארטײ-ליניע באַם אָנװאקסן פון דער קאָלעקטיװיזאציע, האָבן פארשמירט די צעשטערערישע ארבעט פונעם באלעגוף. דער ספּעציפישער געװיכט פון װירטשאפטן מיט 2 און מיט מערער קי האָט אין אײן גרופּע קאָלאָניעס דערגרײכט ביז 24% און אין א צװײטער גרופּע — ביז 46%. און דער גרעסטער טײל פון די דאָזיקע װירטשאפטן האָט ליקװידירט די 2-טע קו. אָבער דאָס האָט אבסאָליוט ניט געװירקט דערויף, אז עס זאָל קלענער װערן די צאָל אָנבעהײמעסדיקע װירטשאפטן. דערבײַ דארף מען אָנװײַזן, אז די נײַע איבערװאנדערישע װירטשאפטן האָבן אין זײער גרונט־מאסע באקומען קרעדיטן אף צו אײַנשאפן זיך אײן קו, און א באדײַטנדיקער טײל אפילע אף א צװײטער קו, נאָכדעם װי דער איבערװאנדערער האָט באװיזן זיך אײַנצואָרדענען, אריבערפירן אף זײַן ערדכײלעך די פאמיליע און ענדגילטיק זיך פארפעסטיקן. צום 1־טן יאנװאר 1928 יאָר, װען אף די איבערװאנדערישע פאָנדן זײַנען געװען 746 פאמיליעס, האָבן 230 איבערװאנדערישע װירטשאפטן פון 1926 יאָר און 516 פון 1927 יאָר שוין פארמאָגט 363 קי, מיט פאָלגנדיקער פארטײלונג לויט באזונדערע װירטשאפט-גרופּן: (זע די טאבעלע אף דער זײַט 90).

אין קומענדיקן יאָר, צוגלײַך מיטן פארפעסטיקן זיך אף די פאָנדן, איז געװאקסן די געזיכערטקײַט מיט פי.

| גרופעס | איבערוואנדער. פונ 1926 י., צאָל מאָס | איבערוואנדער. פונ 1926 י., % | איבערוואנדער. פונ 1927 י., צאָל מאָס | איבערוואנדער. פונ 1927 י., % | אינגאנצנ, צאָל מאָס | אינגאנצנ, % |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אָנ קי . . . . . . . . . . | 58 | 25,2 | 393 | 76,1 | 451 | 60,5 |
| מיט 1 קי . . . . . . . . . . | 132 | 57,4 | 100 | 19,4 | 232 | 31,1 |
| מיט 2 קי . . . . . . . . . . | 38 | 16,5 | 21 | 4,1 | 59 | 7,9 |
| מיט 3 קי . . . . . . . . . . | 2 | 0,9 | 2 | 0,4 | 4 | 0,5 |
| אינגאנצנ . . . . | 230 | 100,0 | 516 | 100,0 | 746 | 100,0 |

נאָר שוינ אינ 1931 יאָר, ווענ א טייל איבערוואנדערער האָט אָנגעהויבנ פארלאָזנ די פּאָנדנ, האָבנ זיי אויכ אָנגעהויבנ ליקווידירנ די קי. פונעמ אָפּפאָרנדיקנ איבערוואנדערער פלעגט מענ בלויז פאָדערנ, אז ער זאָל דעקנ זײַנ כויוו פאר דער קו. דאָס האָט אויסגעמאכט א סומע פונ 100־120 רובל, ווײַל די קי האָבנ זיי געווינטלעכ אײַנגעקויפט אינ די יאָרנ 1926—1927, טיילווײַז אינ 1928 יאָר. באמ ליקווידירנ אָבער די קו פלעגנ זיי נעמענ א גאנצ הויכע פרײַז פונ עטלעכע הונדערט אונ צומאָל טויזנט רובל. ס'איז ניט געווענ קיינ קאמפּ פאר אײַנהיטנ דאָס פי. די איבערגעבליבענע אפּ די פּאָנדנ איבערוואנדערער האָבנ ניט גענעבנ קיינ געהעריקנ ווידערשטאנד דער דאָזיקער דערשײַנונג. די ראיאָנע טועה האָבנ זי פארזענ.

מע דארפּ אָנווײַזנ, אז אינ נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָנ זײַנענ נאָכ ביזנ אָנהייב פונ דער מאסנ־קאָלעקטיוויזאציע, אינ 2 אלטע קאָלווירטנ: אינ דער קאָמונע „עמעס” (זעליאָנאָפּאָלע) אונ אינ סלאדקאָוואָדנע, אָרגאניזירט געוואָרנ סכוירעדיקע מילכ-פערמעס, וועלכע פלעגנ ברענגענ א היפּשע האכנאָסע, אדאנק דעמ, וואָס די סכוירעדיקע מילכ פלעגט אינ די נײַ־אויסגעבויטע אונ גוט אויסגעשטאטע קעז-זאוואָדנ איבערגעארבעט ווערנ אפּ האָלענדיש קעז, וועלכנ מענ פלעגט פארקויפנ די קאָאָפּעראטיווע אָרגאניזאציעס פונ דאָנבאס, כארקאָוו אונ אנדערע ארבעטער־צענטרענ. אזעלכע אונטערנעמונגענ אפּ איבערארבעטנ מילכ האָט מענ אינגיכנ אָרגאניזירט אויכ אינ אנדערע פונקטנ פונעמ ראיאָנ. אינ אייניקע פונקטנ האָבנ זיי עקזיסטירט נאָכ פונ פריער (נײַזלאָטאָפּאָל, פריוטנע). דערמיט איז פארלײַכטערט געוואָרנ דאָס באשאפנ נײַע סכוירעדיקע מילכ־פערמעס, צו דער אָרגאניזי-



רונג פונ וועלכע מע איז טאקע צוגעטראָטנ נאָכנ פארגעזעלשאפטלעכנ דאָס מילכ-פי.

די דינאמיק פונ דעמ גרויסנ האָרנ־פי לויט די יאָרנ אונ סעקטערס שטעלט מיט זיכ פאָר א פאָלגנדיקנ בילד:

| יאָרנ | קי אונ בוהײַענ: אינ קאָלקטיווינ | קי אונ בוהײַענ: בא אינדיווי- דואלנ | קי אונ בוהײַענ: אינגאנצנ | עקסלעכ אונ קעלבלעכ: אינ קאָלקטיווינ | עקסלעכ אונ קעלבלעכ: בא אינדיווי- דואלנ | עקסלעכ אונ קעלבלעכ: אינגאנצנ | אינגאנצנ גרויס האָרנ־פי: אינ קאָלקטיווינ | אינגאנצנ גרויס האָרנ־פי: בא אינדיווי- דואלנ | אינגאנצנ גרויס האָרנ־פי: אינגאנצנ |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1929 . . . . . | – | 2 960 | 2 960 | ניטאָ קיינ יעדיעס | | | ניטאָ קיינ יעדיעס | | |
| 1930 . . . . . | 373 | 2 200 | 2 573 | 240 | 737 | 977 | 613 | 2 937 | 3 550 |
| 1931 . . . . . | 923 | 1 677 | 2 600 | 849 | 847 | 1 696 | 1 772 | 2 524 | 4 296 |
| 1932 . . . . . | 1 111 | 1 234 | 2 345 | 1 428 | 617 | 2 045 | 2 539 | 1 851 | 4 390 |
| 1933 (צומ 1/I 1934) . . . | 1 178 | 1 648 | 2 826 | 1 192 | 775 | 1 967 | 2 370 | 2 423 | 4 793 |

אָנמערקונג: בוהײַענ איז געווענ אינ . . . . 1931—60
" " " " . . . . . 1932—38
" " " " . . . . . . 1933—60

באמ אָפּשאצנ די געבראכטע ציפערנ קאָנ מענ מאכנ א פריידיקנ אויספיר, אז ניט געקוקט אפּ די פילצאָליקע פאלנ פונ אויסשעכטנ דאָס פי, איז דאָכ די אלגעמיינע צאָל פונ דעמ גרויסנ האָרנ-פי אינ 1933 יאָר ניט בלויז ניט פארקלענערט געוואָרנ, נאָר פארקערט, זי איז נאָכ אויסגעוואקסנ אפּ 37% אינ פארגלײַכ מיטנ 1930 יאָר. די איבערוואנדערער, וועלכע זײַנענ בעקומענ אינ 1930 יאָר אונ אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ פלעגנ שוינ קימאט אינגאנצנ ניט באקומענ קיינ קי פארנ אינדיווידועלנ באנוצ. די צאָל קי איז פארגרעסערט געוואָרנ ניט איבער דעמ, וואָס מע האָט ארײַנגעפירט אינ ראיאָנ פי פונ אנדערע ראיאָנענ, נאָר אפּנ כעזשבנ פונ אײַנהיטנ אונ אויסהאָדעווענ דאָס יונגפי.

באזונדערס קענטיק איז פארגרעסערט געוואָרנ די צאָל יונגפי אינ דער קאָלווירטישער טשערעדע — קימאט אפּ 50% אינ פארגלײַכ מיטנ 1931 יאָר. דאָס איז צו זענ דערפונ, וואָס צומ 1/1 1934 יאָר איז געווענ פאָלגנדיקע צאָל יונגפי פונ גרויסנ האָרנ־פי (אפּ 100 קי):

אינ דער קאָלווירטישער טשערעדע — 106,4
אינ דער סטאדע פונ אינדיווידואלנ — 46,8

דערצו דאַרף מען צוגעבן, אַז פאַר דער צווייטער העלפט פון 1933 יאָר האָט מען העכער 100 קעלבלעך איבערגעגעבן פון די קאָלווירטישע פער-מעס אין אינדיווידועלן באַנוץ פון די קאָלווירטניקעס. דער אונטערשייד פו-נעם ספּעציפישן געוויכט פון דעם יונגפי וועט זיך אַפ אַזאַ אויפן נאָך מער אויסטיילן לעטוויוועס דעם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן סעקטער.

אַן איבערבראָך אין פּראַט פון בעסער אײַנהיטן דאָס יונגפי אין דער קאָלווירטישער טשערעדע, האָט זיך שוין אָנגעמערקט פון סאָף 1932 יאָר. אַזוי, לעמאָשל, זײַנען פון די אָנגעוויזענע 1192 שטיק יונגפי אינעם פאַרגעזעל-שאַפטלעכטן סעקטער געווען צום 1/1 1934 יאָר קעלבלעך און עקסלעך על-טער פון 1 יאָר בלויז — 409, געבוירענע אין 1933 יאָר — 783.

אַ טייל פון דעם יאָריקן יונגפי, דער גרעסטער טייל פון די עקסלעך און אַ טייל פון די אויסגעבראַקירטע קעלבלעך, זײַנען אוועקגעגעבן געוואָרן אַפ פלייש אָפּליפערונגען. אָבער דאָך ווערט אין די ציפער ריכטיק אָפּגעשפּיגלט די טענדענץ פון צוּוווקס. אין 1933 יאָר האָט זיך דער קאַמף פאַר אײַנ-היטן דאָס יונגפי געפירט אַסאַך אַקטיווער איידער אין 1932 יאָר.

דער פּאָפּולערסטער לאָזונג פון דער פּאַרטיי וועגן דער פאַרמעגלעכקײַט פון די קאָלווירטניקעס און די מאָסמיטלען, וואָס זײַנען אָנגענומען געוואָרן צו אײַנטיילן קעלבלעך די אָנבעהיימעסדיקע קאָלווירטניקעס, וועלן אָן צווייפל שפּילן אַ גרויסע ראָליע אין פּראַט פון ווײַטערדיקן זיכערן די גאַנצקײַט פון דער יונגפי-סטאַדע.

אַן אייגנאַרטיקער שטריך אין דער מילכיקער פיצוכט אין נײַזלאַטאָפּאָ-לער ראיאָן איז דער הויכער ספּעציפישער געוויכט פון דער קאָלווירטישער טשערעדע, וואָס בילדעט פאָלגנדיקן פּראָצענט בענעגייע צו דער גאַנצער צאָל גרויסן האָרן-פי אין ראיאָן:

| | |
|---|---|
| פון דער גאַנצער טשערעדע | 49,9% |
| פון דעם דערוואַקסענעם פי—קי און בוהײַען | 41,6% |
| פון יונגפי | 60,6% |

אַזאַ לאַגע האָט זיך געשאַפן, אַדאַנק דעם, וואָס די קאָלווירטן האָבן זיך נאָך פון יאָר 1930 געשטעלט אַפן וועג פון אָרגאַניזירן סכווירעדיקע מילכ-פערמעס, פון סאַמע אָנהייב פון זייער אָרגאַניזירונג האָבן די פערמעס געשאַפן פאַר זיך אַ פעסטע ווירטשאַפטלעכע באַזע. די קאָל-ווירטן, וואָס האָבן געהאַט פערמעס האָט זיך אײַנגעגעבן צו אָפּצווירקן אַפ דעם, מע זאָל אופהערן צעטרענצלען דאָס פי. זיי האָבן ניט ווייניק גע-טאָן, קעדיי דאָס פי פון די אַרויספאָרנדיקע איבערוואַנדערער זאָל בלײַבן אין די פערמעס. די גרייס פון דער פי-סטאַדע אין די סכווירעדיקע מילכ-פערמעס און אין די קאָלווירטן זעען מיר פון פאָלגנדיקער טאַבעלע:



| קאָלווירטן מיט פערמעס | פי | בוהײַקעס | יונגפי ביז 2 י. | יונגפי ביז 1 י. | יונגפי אינגאַנצן | סך פי אינגאַנצן |
|---|---|---|---|---|---|---|
| א. קאָלאָניעס | | | | | | |
| 1. „אוואַנגאַרד“ | 84 | 5 | 45 | 83 | 128 | 217 |
| 2. „בעזבאָזשניק“ | 26 | 3 | 25 | 23 | 48 | 77 |
| 3. א. נ. פון כ׳ דזערזשינסקי | 104 | 4 | 46 | 104 | 150 | 258 |
| 4. „סאָצדראָם“ | 31 | 3 | 31 | 31 | 62 | 96 |
| 5. א. נ. פון כ׳ פּעטראָווסקי | 48 | 2 | 4 | 27 | 31 | 81 |
| 6. „ליוקסעמבורג“ | 37 | 3 | — | 18 | 18 | 58 |
| 7. א. נ. פון כ׳ כאַטאַיעוויטש | 59 | 3 | 10 | 54 | 64 | 126 |
| 8. „פאַבריציוס“ | 153 | 4 | 51 | 98 | 149 | 306 |
| 9. קאָמונע „עמעס“ | 148 | 3 | 35 | 64 | 99 | 250 |
| 10. א. נ. פון כ׳ פּאָסטישעוו | 70 | 3 | 21 | 28 | 49 | 122 |
| אינגאַנצן אין די קאָלאָניעס | 760 | 33 | 268 | 530 | 798 | 1591 |
| ב. איבערוואַנדערישע קאָלווירטן | | | | | | |
| „8-טער מאַרט“ | 60 | 3 | 5 | 32 | 37 | 100 |
| „אָקטיאַבער“ | 58 | 4 | 31 | 45 | 76 | 138 |
| א. נ. פון כ׳ סטאַלין | 63 | 2 | 15 | 40 | 55 | 120 |
| „10 יאָר קספ“ | 66 | 3 | 18 | 46 | 64 | 133 |
| אינגאַנצן אין די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן | 247 | 12 | 69 | 163 | 232 | 491 |
| ג. אוקראַיִנישע קאָלווירטן | | | | | | |
| „סכיד“ | 10 | — | — | 6 | 6 | 16 |
| „קאָמונאַר“ | 38 | — | 21 | 17 | 38 | 76 |
| „נאָוואַיאַ זשיזניאַ“ | 28 | 3 | 45 | 31 | 76 | 107 |
| „ראָיטער פּאַרטיזאַן“ | 26 | — | 1 | 5 | 6 | 32 |
| אינגאַנצן אין די אוקראַיִנישע קאָלווירטן | 102. | 3 | 67 | 59 | 126 | 231 |
| אינגאַנצן אין ראיאָן | 1109 | 48 | 404 | 752 | 1156 | 2313 |

...ווי מיר זעען פונעם פאַרגלײַכן די צוויי טאַבעלעס איז קימאַט דאָס ...ע פאַרגעזעלשאַפטלעכטע פי קאָנצענטרירט אין די סכווירעדיקע מילכ-

פּערמעס. אַזוי, למשל, איז פֿון 1118 פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכטע קי געווען איבער די פּערמעס 1109, און פֿון 1192 שטיק יונגפֿי איז אין די פּערמעס געווען 1156.

די סאָציאַליסטישע פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכטע פֿיצוכט פֿון נײַזלאָטאָפּאָלער ראַיאָן האָט געלאָזט טיפֿע וואָרצלען. דאָס שטעלט שוין מיט זיך פֿאָר אַ פֿאַקטער פֿון ווײַטערדיקן, נאָכמער פֿאָרסירטן וווּקס פֿון פֿיצוכט. ווי מיר זעען פֿון די מאַטעריאַלן, געפֿינען זיך די גרעסטע פּערמעס אין די אַלטע קאָלאָניעס. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין 10 קאָלאָניעס פֿון 11 זײַנען פֿאַראַן פּערמעס מיט גרויסן האָרנפֿי, דערין 4 פּערמעס מיט אַ פֿי־סטאַדע פֿון 250־300 און מערער שטיק אין יעדערער. אין די איבערוואַנדערישע ייִשובֿים איז די פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכטע מילכיקע פֿיצוכט אַנטוויקלט שוואַכער, בלויז אין 2 פּונקטן פֿון 13 זײַנען פֿאַראַן פּערמעס.

סײַ אין די קאָלאָניעס, סײַ אין די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן באַזיצן די פּערמעס אויסגעצייכנט אויסגעשטאַטע, נײַ־אויסגעבויטע שטאַלן פֿאַר קי און פֿאַר קעלבלעך, סילאָס־טורעמס און צעמענטענע געבײַדעס פֿאַר סילאָס, אויך אין די אוקראַיִנישע קאָלווירטן איז שוין געשאַפֿן געוואָרן דער פֿונדאַמענט פֿאַר אויסבילדן גרויסע פּערמעס.

זיכערן די ווײַטערדיקע פֿאַרגרעסערונג פֿון דער טשערעדע קאָן מען נאָר באַם אײַנהיטן און אויסהאָדעווען דאָס יונגפֿי. אַפֿן דאָזיקן געביט שטייט נאָך פֿאָר אַן אומופּהערלעכער קאַמף. ווײַט ניט אין אַלע פּערמעס איז אין דער דאָזיקער הינזיכט אַלץ אין אָרדענונג. אין איינצלנע פֿון זיי איז זייער גרויס דער אומקום פֿון די קעלבלעך, און אַנדערע פּערמעס, פֿאַרקערט, האָבן באַוויזן צו דערפֿירן דעם פּראָצענט פֿון אומקום ביזן מינימום. אַזוי למשל, איז אין באַזונדערע פּערמעס (אין 12 פֿון 18) דער פּראָצענט אומקום פֿון קעלבלעך אין 1933 געווען אַזאַ:

| | | | |
|---|---|---|---|
| „נ. זשיטיאַ" | 5,0% | א. נ. פֿון כ׳ פּעטראָווסקי | 12,0% |
| „קאָמונאַר" | 5,4% | „סאָצדאָרף" | 13,0% |
| א. נ. פֿון כ׳ דזערזשינסקי | 6,0% | „פֿאַבריציוס" | 16,5% |
| א. נ. פֿון כ׳ כאַטאַיעוויטש | 6,4% | א. נ. פֿון כ׳ סטאַלין | 22,0% |
| „8־טער מאַרט" | 6,5% | „קאָמונע „עמעס" | 30,0% |
| „אַוואַנגאַרד" | 6,5% | „בעזבאָזשניק" | 30,0% |

איינע פֿון די גרונט־אויפֿגאַבן אַפֿן נאָענטסטן צײַט־פּעריאָד איז דאָס באַשאַפֿן אַ פֿעסטע פֿיטער־באַזע. העכער, אינעם קאַפּיטל וועגן געבײַדעס האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז מע האָט פֿאַר די פֿאָריקע יאָרן אויסגעבויט אַ [illegible] נעם ראַיאָן סילאָס־געבײַדעס פֿאַר 5000 טאָן, אָבער די צאָל פֿי וואַקסט, און עס מוז אויך פֿאַרגרעסערט ווערן די צאָל און די אויפֿנעם־פֿייִקייט [illegible] די געבײַדעס. מע מוז אײַנשטעלן געניג שעטעכס, צו זייען גראָזן און וואָר[illegible]



[illegible]פּרוכטן. מע מוז אין אַ ברייטערן פֿאַרנעם צוטרעטן צום פֿאַרלייגן ליוצערניקעס. מע מוז זיכערן די פֿי־הויפֿן מיט וואַסער פֿון גוטער קוואַליטעט אין די פּערמעס גופֿא. מע מוז אײַנהיטן און אויסהאָדעווען דאָס גאַנצע [illegible]יגעדיקע יונגפֿי, אויסער בעפֿיירעשן בראַק.

דער ראַסן־באַשטאַנד פֿון דער סטאַדע, אין וועלכן די גרונט־מאַסע בילדעט אויס דאָס פֿי פֿון דער רויט־דײַטשישער ראַסע, קאָן בײַ פֿולשטענדיקער ליקווידירונג פֿון דער אַנאָנימקע, באַם אַרומגיין אַרום דעם פֿי און באַם פֿאַרפֿעסטיקן די פֿיטער־באַזע זיכערן הויכע געמעלק־נאָרמעס, פֿאַרגרעסערן די צאָל מילך־פּראָדוקציע און דערין אויך איר סכוירעדיקן טייל. אַ געוויסע פֿאָרשטעלונג וועגן דער גרייס פֿון די געמעלק־נאָרמעס פֿאַר די בעהעמעס אין די מילך־פּערמעס און וועגן דעם ספּעציפֿישן געוויכט פֿון זייער סכוירעדיקייט גיבן אונדז די מאַטעריאַלן פֿון 2 גרויסע פּערמעס („פֿאַבריציוס" און קאָמונע „עמעס") פֿאַר דער ערשטער העלפֿט פֿון 1931 יאָר.

די געמעלק־נאָרמעס פֿאַרן ערשטן האַלביאָר 1931 זײַנען געווען פֿאָלגנדיקע (אין ליטערס):

| כאַדאָשים | קאָמונע „עמעס" געמאָלקן | קאָמונע „עמעס" דערפֿון אָפּגעגעבן | קאָמונע „עמעס" סכוירעדיקייט % % | אַרטעל „פֿאַבריציוס" געמאָלקן | אַרטעל „פֿאַבריציוס" דערפֿון אָפּגעגעבן | אַרטעל „פֿאַבריציוס" סכוירעדיקייט % % |
|---|---|---|---|---|---|---|
| [illegible] | 9.130 | — | — | 6.055 | — | — |
| [illegible] | 15.363 | 10.000 | 10 | 9.900 | 9.985 | 29 |
| [illegible] | 26.770 | — | — | — | — | — |
| [illegible] | 30.534 | 14.308 | 47 | 21.654 | 13.860 | 64 |
| [illegible] | 45.157 | 25.075 | 55 | 34.375 | 24.046 | 70 |
| [illegible] | 44.625 | 20.883 | 47 | 34.560 | 23.802 | 66 |
| | 171.579 | 70.266 | 41 | 106.544 | 71.693 | 57 |
| [illegible] | 194 | | | | | |
| [illegible]טלעכער געמעלק פֿון אַ קו פֿארן [illegible] האַלביאָר | 884 ליטער | | | 731 ליטער | | |

[illegible] ס'איז צו זען, איז די פֿערמע אין דער קאָמונע, ניט געקוקט אַף איר [illegible]ערער פּראָדוקטיווקייט, דאָך געווען ווייניקער סכוירעדיק. דאָס דערקלערט

זיך דערמיט, וואָס אין דער קאָמונע איז געווען א גרעסערע צאָל באפעל־
קערונג און עס זײַנען ניט געווען קיין קי אין אינדיווידועלן באנוץ. און
בעמיילע איז דאָרט מער אוועקגעגאנגען מילך אף די געברויכערישע נויטן.
אָבער די ווירקלעכע צאָל מילך, וואָס די באפעלקערונג געברויכט, איז בא־
דײַטנדיק קלענער פון דער דיפערענץ צווישן דער ברוטאָ־פּראָדוקציע און
דער סכוירעדיקער פּראָדוקציע, ווײַל ביידע ווירטשאפטן פארמאָגן צו 150
שטיק יונגפי, כאזיירים־פערמעס צו 300 און מערער שטיק. די דאָזיקע ביידע
ווירטשאפטן, כאָטש זיי האָבן געהאט א באדײַטנדיקן זאפאס סילאָס, זײַנען
זיי דאָך אין א ביז גאָר קליינער מאָס געווען באזאָרגט מיט קאָנצענט־
רירטן פיטער. דער לאנגער ווינטער און שפעטער פרילינג פון 1931 יאָר
און דאָס ארויסלאָזן די פי אף די פאשע־לאָנקעס בלויז אין מײַ האָבן גע־
ווירקט אף דער פארקלענערונג פון די געמעלק־נאָרמעס. בא אזעלכע בא־
דינגונגען האָט מען אין צווייטן האלביאָר געקאָנט דערוואַרטן ניט וויינ־
קער מילך, ווי אין ערשטן האלביאָר. אזויארום, איז די דורכשניטלעכע
יערלעכע געמעלק־נאָרמע פון 1 בעהיימע אין דער קאָמונע געווען 1.768 לי־
טער מילך און אין ארטעל „פאבריציוס" 1.426.

אף דער פארקלענערונג פון דער געמעלק־נאָרמע האָט א ווירקונג או־
דאָס, וואָס דער גרעסטער טייל פי קעלבט זיך אין די פרילינג־כאדאָשים
דער דאָזיקער אומשטאנד צוזאמען מיט דער ניטגענוגנדיקײַט פון די פיטער
זאפאסן גיט ניט די מעגלעכקײַט צו פארגרעסערן דעם געמעלק פון די קי
ביז דער מאקסימאל־מעגלעכער פּראָדוקטיווקײַט.

דעם אָנוווקס פון דער צאָל אָפּקעלבונגען, אין פּראָצענטן צו דער גאנ־
צער צאָל קי פון דער פערמע אינעם ארטעל „פאבריציוס", זעען מיר פו
דער פאָלגנדיקער טאבעלע:

| | | | |
|---|---|---|---|
| דעקאבער און יאנוואר | 22% | אפריל | 73% |
| פעווראל | 48% | מײַ | 80% |
| מארט | 15% | יוני | 91% |

די געבראכטע מאטעריאלן זאָגן איידעס וועגן דעם, אז די קוואליפי־
פונעם פי פארבאָרגט אין זיך נאָך גרויסע מעגלעכקײַטן צו פארגרעס־
די פּראָדוקטיווקײַט פון דער מילך־פערמע. באם אויספילן א ריי נייטי־
באדינגונגען, קאָן מען זיך לײַכט דערשלאָגן צו א דורכשניטלעכ־יערלע־
געמעלק פון 2200 ביז 2500 ליטער. די באדינגונגען זײַנען: באזאָ־
דעם פי מיט סילאָס און מיט קאָנצענטרירטן פיטער, אלס צוגאָב צו
גרויסע רעזערוון דרעש־פיטער, צופאסן די קעלבונגען צו די לעצטע זומ־
דיקע און הארבסטיקע כאדאָשים, ווי ווײַט מעגלעך ראציאָנאליזירן ד
האָדעווען, דאָס ארומגיין ארום דעם פי, פולשטענדיק ליקווידירן די אנאָני־
א גרויסע ראָליע קאָן דערבײַ שפילן די אָרגאניזירונג פון דער



טראָל־ארבעס, וועלכע מע האָט אָנגעהויבן דורכפירן אינעם ראיאָן פון
1928 יאָר, אין 1929 יאָר האָט אין ראיאָן געארבעט איין קאָנטראָליאָר־
אסיסטענט, אונטער קאָנטראָל האָבן זיך געפונען 70 קי. אין 1931 יאָר
האָבן שוין געארבעט 3 קאָנטראָליאָר־אסיסטענטן און אונטער קאָנטראָל
האָבן זיך געפונען 380 קי.

אדאנק דער דאָזיקער ארבעט האָט זיך אײַנגעגעבן צו פארפיקסירן קי
מיט זייער א גרויסן געמעלק, וועלכער דערגרייכט ביז דער רעקאָרד־נאָרמע
פון 3.500 און מערער ליטער מילך א יאָר. ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן אָרגא־
ניזירן אין די פערמעס דאָס האָדעווען דאָס פי לויט נאָרמעס, פארבעסערן
די באדינגונגען פון אופהאָדעווען דאָס יונג־פי. אונטער דער השגאָכע פון
די קאָנטראָל־אסיסטענטן ווערן אופגעצויגן יונגע בוהײַטשיקעס פון הויכ־
פּראָדוקטיווע קי.

א באזונדער גרויסן באטײַט פארן העכערן די האכנאָסעדיקײַט פון
דער מילך־ווירטשאפט און פארן וווקס פון דער סכוירעדיקײַט האָבן די
קעז־זאוואָדן. פון אלע פונקטן, וועלכע רינגלען ארום יעדן געגעבענעם זא־
וואָד, שטעלט מען צו מילך צוויי מאָל א טאָג. באם צונעמען די מילך
שאצט מען זי אָפּ, אָפּהענגיק פונעם פּראָצענט פעטס. אזעלכע זאוואָדן זײַ־
נען פאראן אין פאָלגנדיקע פונקטן:

1. נײַזלאטאָפאָל.
2. פריוטנע.
3. זעלאָנאָפאָליע.
4. סלאדקאָוואָדנאיא.
5. „אָקטיאבער".
6. „ראטנדאָרף"

די זאוואָדן געפינען זיך אין נײַ־אויסגעבויטע שטיינערנע געבײַדעס
מיט אײַז־קעלערס און מיט קעלערס אף אויסצוהאלטן דעם קעז, זיי זײַנען
אויסגעשטאט מיטן גאנצן נייטיקן אינווענטאר און ווערן באדינט דורך
קוואליפיצירטע קאדרען.

נאָך אין 1930 יאָר האָט מען אף די אָנגעוויזענע זעקס אונטערנעמונ־
גען צוגעשטעלט 1.405.000 ליטער מילך.
פון דער דאָזיקער צאָל איז:

| | | | |
|---|---|---|---|
| א) רעאליזירט געוואָרן גאנצערהייס | . . | 105 000 | ליטער |
| ב) איבערגעארבעט געוואָרן אין שמאנט | . . . | 10 200 | " |
| ג) איבערגעארבעט געוואָרן אין פוטער | . . | 5 400 | " |
| ד) איבערגעארבעט געוואָרן אין האָלענדיש קעז | | 837 500 | " |

דער פלאן פון מילך־פארגרייטונג אפן 1931 יאָר איז באשטימט געוואָרן
אין דער גרייס פון 1.440.000 ליטער. ביזן 1 יול איז אָפּגעגעבן אות איבער־

געארבעט געוואָרן 506.000 ליטער, און דערינ איז איבערגעארבעט געוואָרן אין די מילכ־סכוירעדיקע פערמעס — 150.000 ליטער.

די מילכ־פי פון די מילכ־סכוירעדיקע פערמעס, וועלכע האָבן דאָן באַטראָפן 16% פון דער אלגעמיינער צאָל קי אין ראיאָן, האָט פאר דער ערשטער העלפט פון 1931 יאָר געגעבן 30% פון דער גאנצער סכוירעדיקער פראָדוקציע.

פאר די יאָרן 1932 און 1933 איז דער ספעציפישער געוויכט פון דער סכוירעדיקייט און די מילכ-סכוירעדיקע פערמעס באדייטנדיק אויסגעוואַקסן, דער קען וועלכער ווערט אויסגעארבעט אין די זאוואָדן פון ניי־זלאטאָפאָלער ראיאָן, האָט זיך זייער גוט פארעקאָמענדירט אין די ארבעטער-ראיאָנען פון דאָנבאס אלס פראָדוקט פון הויכער קוואליטעט.

קעדיי צו אורטיילן וועגן דעם אפ וויפל די קאָלווירטניקעס זיינען באַזאָרגט מיט קי פארן אינדיווידועלן באנוץ, וועלן מיר ברענגען פאָלגנדיקע אָנגאבן (אין פארגלייכ מיט דער צאָל פאמיליעס, וועלכע זיינען געווען אפ די פאָנדן בעשאס מע האָט צונויפגעקליבן די געגעבענע מאטעריאלן).

| גרופעס קאָלווירטן | צאָל פאמי־ליעס | פארטיילונג פון פאמיליעס לויט דער געזיכערט־קייט מיט קי פארן אינדיווידועלן באנוץ | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | מיט 1 קו | מיט 2 קי | אָן א קו | אָן יעטווי. פי |
| 1. קאַלאָניעס . . . . | 1012 | 617 | 12 | 368 | 49 |
| 2. איבערוואנד. קאָלווירטן | 706 | 480 | 74 | 152 | 47 |
| 3. אוקראינישע קאָלווירטן | 703 | ניטאָ קיין יעדיעס | | 78 | ניטאָ קיין יעד. |
| | 2421 | | | 598 | |

די אָנבעהיימעסדיקייט איז אינעם געגעבענעם פאל נאָכ ניט קיין באַווייז פון אָרעמקייט פון די קאָלווירטניקעס, דערפאר ווייל די גרעסטע צאָל אָנבעהיימעסדיקע ווירטשאפטן פאלט אויס גראָד אפ די קאָלווירטן, וווּ עס זיינען דאָ גרויסע מילכ-פערמעס. אזוי, לעמאָשל, איז אין דער קאָמונע „עמעס", וואָס האָט א פערמע פון 148 קי, אין אינדיווידועלן באנוץ פון די קאָמונע־מיטגלידער גאָר ניטאָ קיין קי. אזא לאגע איז באשאפן געוואָרן אָנגעהויבן פון די יאָרן 1930—1931, ווען עס איז פארגעזעלשאפטלעכט געוואָרן דאָס גאנצע פי. צו די אָנבעהיימעסדיקע ווירטשאפטן דארפ מען אויכ צורעכענען די 81 פאמיליעס פונעם קאָלווירט אפן נאָמען פון כ' פאָסטישעוו, וועלכע



האָבן אין 1933 יאָר זיך אויכ גערעכנט אין דער קאָמונע. אין פריוטנע, וועלכע ציילט 25 אָנבעהיימעסדיקע פאמיליעס איז דאָ א גרויסע פערמע מיט 104 קי. אין סלאדקאָוואָדנע זיינען דאָ אָנבעהיימעסדיקע 54 פאמיליעס, אין דער פערמע אָבער זיינען דאָ 153 קי.

ס׳זיינען אָבער דאָ אויכ קאָלווירטן, אין וועלכע עס איז נאָכ פאראַן א היפשע צאָל אָנבעהיימעסדיקע קאָלווירטניקעס:

וואָראָשילאָווקע . . . 60 אָנבעהיימעסדיקע פאמיליעס
נאָוואָדאָראָווקע . . . 38 „ „
ראָסקאָשנע . . . . 25 אָנבעהיימעסדיקע פאמיליעס, 26 קי אין דער פערמע
„אָקטיאבער" . . . 34 פאמיליעס אָן קי, 48, אפ דער פערמע
„קיפערפעלד" . . . 19 „ „ „ קיין פערמע ניטאָ

אין אנדערע פונקטן וואקלט זיכ די צאָל אָנבעהיימעסדיקע פאמיליעס פון 1 ביז 10—15 פאמיליעס אָדער פון 2—3 ביז 20—25 פראָצענט פון דער גאנצער צאָל פאמיליעס. גאָר א באדייטנדיקער טייל אָנבעהיימעסדיקע ווירטשאפטן האָבן באקומען אָדער האָבן אליין זיכ איינגעשאפן קעלבלעכ. קאָלווירטניקעס וועלכע האָבן גאָר ניט קיין פי, ניט קיין קי און ניט קיין יונג-פי, איז אינגאנצן דאָ אין די קאַלאָניעס — 49, און אין די איבערוואנדערישע קאָלווירטן — 47.

בלויז אין אייך ראָסקאָשנע (קאָלווירט „בעזבאָזשניק") זיינען צווישן 6[illegible] פאמיליעס פאראַן 19 גאָר אָן פי. אין אנדערע קאָלווירטן זיינען דאָ בלויז 2—5—6 פאמיליעס גאָר אָן פי.

די 18 קאָלווירטישע פערמעס אינעם ראיאָן, די מעלוכישע הילפ, וואָס ווערט געגעבן די קאָלווירטניקעס אפ צו איינשאפן זיכ קעלבלעכ, דאָס אלצ גיט די מעגלעכקייט צו ליקווידירן פולקום אין דער נאָענטסטער צייט די אָנבעהיימעסדיקייט פון די קאָלווירטניקעס.

## כאזיירימצוכט

די כאזיירימצוכט האָט זיכ אין ניי־זלאטאָפאָלער ראיאָן אָנגעהויבן גאנץ באמערקבאר צו אנטוויקלען בלויז אין די לעצטע יאָרן. ביז דער רעוואָלוציע האָבן די יידישע קאָלווירטן ניט געוווּסט פון קיין כאזיירים. אין די ערשטע יאָרן איבערוואנדערונג האָבן די איבערוואנדערער לויטן ביישפיל פון די קאָלאָניסטן, גיכער געזען איינצושאפן זיכ צו 2 קי, איידער כאזיירים. מיט האָדעווען כאזיירים האָבן זיי זיכ ניט פארנומען. בלויז אָנגעהויבן פון 1928—1929 יאָר האָט דאָס דאָזיקע געביט אָנגעהויבן זיכ צו אנטוויקלען מיט דערפאָלג.

מע דארפ אָנווייזן, אז די כאזיירימצוכט־פערמעס אין די אלטע קאָל-

ווירטן פֿון זעליאַנאָפּאָלע (קאָמונע „עמעס“) און סלאָדקאָוואָדנע (אַרטעל „פּאָבּעדיציוס“) האָבן געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג אויף דער פּאָרמירטער אַנטוויקלונג פֿון כאַזיירימצוכט אינעם ראַיאָן. פֿאַר די לעצטע דרײַ יאָר זעט אויס די דינאַמיק פֿון געזיכערטקייט מיט כאַזיירים אויף אַזאַ אופֿן:

| | יאָרן | | |
|---|---|---|---|
| | 1931 | 1932 | 1933 |
| **קאָלווירטישע פֿערמעס** | | | |
| דערוואַקסענע כאַזיירים . . . . . . . . . | 284 | 514 | 394 |
| דערפֿון כאַזיירים־מוטערס . . . . . . . . | 264 | 388 | 364 |
| יונגע כאַזיירים און כאַזיירימלעך . . . . . | 757 | 1089 | 1181 |
| אינגאַנצן . . . . . . . . . . . | 1041 | 1453 | 1575 |
| **אין באַנוץ פֿון קאָלווירטניקעס** | | | |
| דערוואַקסענע כאַזיירים . . . . . . . . . | 75 | 51 | 716 |
| דערפֿון כאַזיירים־מוטערס . . . . . . . . | 75 | 51 | 126 |
| יונגע כאַזיירים און כאַזיירימלעך . . . . . | 428 | 563 | 988 דערפֿון 693 יונגע כאַזיירים |
| אינגאַנצן . . . . . . . . . . . | 503 | 614 | 1704 |
| **אינגאַנצן אין ראַיאָן** | | | |
| דערוואַקסענע כאַזיירים . . . . . . . . . | 359 | 465 | 1110 |
| דערפֿון כאַזיירים־מוטערס . . . . . . . . | 339 | 439 | 490 |
| יונגע כאַזיירים און כאַזיירימלעך . . . . . | 1185 | 1602 | 2159 |
| אינגאַנצן . . . . . . . . . . . | 1544 | 2067 | 3279 |

די געבראַכטע ציפֿערן באַווײַזן, וואָס פֿאַר אַ ברייטן פֿאַרנעם עס האָט ווירקלעך אָנגענומען די אַנטוויקלונג פֿון כאַזיירימצוכט. מע קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אין דער דאָזיקער הינזיכט פֿאַרנעמט דער ראַיאָן איינעם פֿון די אָנגעזעענסטע ערטער אין דער גאַנצער געגנט. באַגלײַך דערמיט באַווײַזן די געבראַכטע ציפֿערן, אַז אין פּראַט פֿון לייזן די פֿלייש־פּראָבלעם קאָן די כאַזיירימצוכט פֿאַרנעמען דעם אויבנאָן. די גאַנצע פּראָג-



באַשטייט דערין, אַז מע זאָל ריכטיק אַרומגיין אַרום די כאַזיירים און זאָרגן, אַז אויסהאַלטן זיי, פֿאַרהיטן אין דער מאַקסימאַלער מאָס דעם נאַטירלעכן צוווּקס, פֿאַרקלענערן די שטערבלעכקייט, און שאַפֿנדיק אַ פֿעסטע פֿיטער־באַזע, זיכערן דעם מאַקסימום פּראָדוקציע.

די זעכציקע ציפֿער באַווײַזן, אַז די קאָלווירטניקעס גייען שנעל צום פֿאַרמעגלעכן לעבן. באַזונדערס איז אויסגעוואַקסן די צאָל כאַזיירים־יונגוואַרג בײַ די קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זיך צו פֿאַרשאַפֿן און האָדעווען זיי.

ווי ס'איז צו זען פֿון דער טאַבעלע, געפֿינען זיך די גרעסטע קאָלווירטישע כאַזיירימציכטערישע פֿערמעס אין די קאָלאָניעס און אין די אוקראַיִנישע דערפֿער. די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן זײַנען נאָך ניט צוגעטראָטן ערנסט צו דער דאָזיקער אַרבעט. די גרעסטע פֿערמע געפֿינט זיך אינעם אוקראַיִנישן דאָרף וואָראָשילאָווקע. אין דער דאָרטיקער פֿערמע זײַנען פֿאַראַן 97 כאַזיירים־מוטערס און 247 יונגע כאַזיירימלעך. גאַנץ גרויסע כאַזיירים־פֿערמעס זײַנען פֿאַראַן אויך אין זעליאַנאָפּאָל, סלאָדקאָוואָדנע, מעזשירעטש, אין וואָראָשילאָווקער קאָלווירט „רויטער פּאַרטיזאַן“, אין קאָלאָניע „באָרקי“ און אין אַ ריי אַנדערע פּונקטן.

דער ראַסע־באַשטאַנד פֿון די כאַזיירים איז באַדײַטנדיק פֿאַרבעסערט געוואָרן פֿאַר די לעצטע פֿאַר יאָר. די ערשטע צוויי כאַזיירימצוכט־פֿערמעס אין סלאָדקאָוואָדנע און אין זעליאַנאָפּאָל, האָבן פֿון סאַמע אָנהייב פֿון זייער אָרגאַניזירונג זיך אײַנגעשאַפֿט ווײַסע יאָרקשירער כאַזיירים, און שפּעטער האָבן זיי באַזאָרגט מיט ריינראַסעווע פּראָדוצירער אַ באַדײַטנדיקן טייל קאָלווירטן פֿונעם ראַיאָן.

דאָס אויסהאָדעווען כאַזיירים שאַפֿט אַ באַדײַטנדיקן האַכנאָסע־קוואַל און פֿאַרפֿעסטיקט די פֿינאַנציעלע לאַגע פֿון דער קאָלווירטישער פֿאַמיליע. באַזער־פֿלייש און כאַזער־פֿעטס זײַנען געוואָרן פּראָדוקטן פֿון טאָגטעגלעכן געברויך אין די ייִדישע קאָלאָניעס. די ווירטשאַפֿטלעכע דערפֿאַרונג פֿון אַרומגיין אַרום כאַזיירים איז גיך דערוואָרבן געוואָרן, ווי נאָר מע איז צוגעטראָטן צו דער דאָזיקער אַרבעט. דער ראַיאָן האָט אָנגעהויבן יאָרלעך צושטעלן דער מעלוכע גרויסע פּאַרטיעס פֿי אויף פֿלייש, מיט אַ באַדײַטנדיקן פּראָצענט כאַזיירים.

## שעפּסנצוכט

אויף וויפֿל די נאַטירלעכע פֿיטער־פֿעלדער זײַנען פֿאַראַן אינעם ראַיאָן אין זייער אַ באַגרענעצטער צאָל און דער טאָלאָקע־קלין געפֿינט זיך אויף אַקער־פֿייִקן שטעטל, האָט די שעפּסנצוכט ניט געקאָנט זיך אַנטוויקלען אין אַ געהעריקער מאָס. און דאָך האַלטן אייניקע קאָלווירטן אויס קליינע סטאַ-

דעס שעפסן, וועלכע פּאַשען זיך אין די צענדליקער, צי אין די הונדערטער אין איין סטאדע מיט דעם גרויסן האָרן־פי. אזוי, למשל, איז אינעם איבערוואנדערישן קאָלווירט „אָקטיאבער" פאראן 105 שעפסן. צו 100 און מער שעפסן זײַנען פאראן אויך אין נײַזלאטאָפּאָל און אין פּריוטנע. אינגאנצן איז פאראן אין ראיאָן 445 שעפסן, פון זיי געהערן צו די קאָלווירטניקעס — 436.

## קראָליקעס־צוכט

נאָך מיט 2 יאָר צוריק זײַנען אין ראיאָן ניט געווען קיין קראָליקעס און ערשט דאן ווען דער דאָזיקער געביט פון קלײנער פיצוכט איז געוואָרן פּאָפּולער, האָבן א סאך קאָלווירטניקעס זיך אָנגעהויבן אײַנשאפן קראָליקעס.

איצט זײַנען שוין דאָ קראָליקעס אין 21 פונקטן פון 29. זייער צאָל אין אינדיווידועלן באנוץ פון די קאָלווירטניקעס דערגרייכט ביז 1114 שטיק פון דער דאָזיקער צאָל געהערן בא 400 קראָליקעס צו די אוקראַיִנישע קאָלווירטניקעס, און בא 700 — צו די קאָלאָניעס און צו די איבערוואנדערישע יִישווים.

## בינענצוכט

די בינענצוכט אין נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָן פאַרדינט צו ווערן באזונדערס פארצייכנט. אף דער איצטיקער אנטוויקלונג־שטופע פון בינענצוכט אין די קאָלווירטן, צייכנט זיך באזונדערס אויס דער גרויסער קאָלווירטישער בינשטאָק אין דער קאָמונע „עמעס". זײַן אָרגאניזירונג און וווּקס האָט די קאָמונע צו פארדאנקען דער טעטיקײַט פונעם גרויסן ספעציאליסט און ליבהאָבער פון בינענצוכט, דעם כאווער י א ק ע ו כ א ד א ס, אן אקטיווער אָנטיילנעמער אין דער קאָלווירטישער בויונג פונעם ראיאָן אין דער קאָמונע און אינעם קאָלווירט אף כ׳ פּאָסטישעווס נאָמען. ציילט די פארייניקטע בינען־פאסינקע 640 בינשטאָקן. אין 1934 יאָר איז אָנגעמערקט געוואָרן צו דערפירן זייער צאָל ביז 900—1000 בינען־רויען. עס זײַנען פאראן נאָך דרײַ קלײנע קאָלווירטישע בינען־פאסינקעס אין דרײַ קאָלווירטן. אינעם קאָלווירט אף ר אָ ז ע ל ו ק ס ע מ ב ו ר ג ס נאָמען זײַנען פאראן 15 בינשטאָקן, אינעם קאָלווירט אפן נאָמען פון „10 יאָר קסמ" — 20, און אין קאָלווירט „האָפענונג" — 25. די קאָלווירטניקעס אליין האָבן אָבער זיך נאָך ניט גענומען צו דער דאָזיקער ארבעט. אינעם אינדיווידועלן געברויך זײַנען פאראן אינגאנצן 32 בינשטאָקן, אין 5 פונקטן. די גרויסע בינען־פאסינקע אין קאָמונע „עמעס" וואָלט געקאָנט פארוואנדלט ווערן אין א באזע פאר ווײַטערדיקער אויסבילדונג פון נײַע בינען־פאסינקעס אין די



קאָלווירטן און בינשטאָקן בא די קאָלווירטניקעס. אלס קוואַל פאר האָניק־אָנזאמלונג קאָנען דינען: זונען־רויזן, באשטאנען און ספעציעל־פארזייטע האָניק־טרעגער. אין די יִישווים וואקסן אין די הויפן ווײַסע אקאציעס, ווו ניט ווו זײַנען דאָ סעדער. מיט יעדן יאָר ווערט פארברייטערט דער שעטעך פון ווײַנגערטנער.

די קאָמונע שטעלט יערלעך ארויס איר בינען־פאסינקע אין קאמענקער וואלד־ראיאָן, 25 קילאָמעטער פון דער קאָמונע. בא דער בינען־פאסינקע געפינט זיך א שטענדיקע בריגאדע. אייניקע פון אירע מיטגלידער האָט צוגעגרייט דער כאווער כאָדאָס, און זיי ווייסן גוט די דאָזיקע ארבעט און ארבעטן זייער איבערגעגעבן, קעדיי זי צו אנטוויקלען.

ווי עס איז צו זען, אנטוויקלט זיך די פיצוכט פון נײַזלאטאָפּאָלער ראיאָן זייער גוט און עס זײַנען פאראן אלע אויסזיכטן אף איר ווײַטערדיקער שנעלער אנטוויקלונג. די פארלוסטן, וואָס זײַנען געווען א רעזולטאט פונעם קלאסנקאמף, האָבן זיך באזונדערס שווער אָפּגערופן אף דעם ארבעט־פי, זייער שטארק האָבן זיך געלאָזט פילן די קאָסטן פונעם גרויסן רעאָרגאניזיר־פּראָצעס. עס איז אויסגעקומען צעקלאפן דאָס באלעגופנטום, בײַצוקומען די וואקלונגען פון א טייל מיטלפּויערים. אָבער די קראפט פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע האָט געמאכט א גאנצע איבערקערעניש אין דער לאנדווירטשאפט און ראדיקאל געענדערט די קלאסן־פארהעלטענישן. דער דאָזיקער פּראָצעס פון דער סאָציאַליסטישער רעאָרגאניזירונג פון דער לאנדווירטשאפט איז באגלייט געוואָרן מיט א טיפער איבערקערעניש אין דער טעכנישער באזע פון דער לאנדווירטשאפט, וואָס האָט געבראכט צום טראקטער, צום קאָמבײַן, צום אווטאָמאָביל און צו צענדליקער אנדערע מינים קאָמפּליצירטע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס. מיר האָבן שוין איבערגעלעבט, אז ביז דער מאסן־קאָלעקטיוויזאציע זײַנען אין ראיאָן געווען א סאך אָנפעדיקע און אָנבעהיימעסדיקע ווירטשאפטן, א סאך ווירטשאפטן אָן אינווענטאר, וואָס האָבן ווייניק געזייט, און פּאָשעטע אָרעמעלײַט. די טעכניק איז געווען א פרימיטיווע, די עקאָנאָמיק א שוואכע. די שטאנדהאפטיקײַט פונעם גרונטיקן ווירטשאפט־געביט — פון פעלדצוכט — איז געווען א שוואכע און פלעגט אָפט לײַדן פון שארפע ענדערונגען. און דער קלאסעווער ווידערשטאנד מיצאד דעם באלעגופ איז געווען א שטארקער. קאָלאָסאל איז אויך געווען די קראפט פון די זעלבסט־אייגנטימערישע געוווינהײַטן. די ווירטשאפטלעכע און אָרגאניזאציאָנעלע פארפעסטיקונג פון די קאָלווירטן האָט זיך פארצויגן. מע האָט ניט געגעבן קיין פארטיקן רעצעפּט פאר נײַע פאָרמען און אָרגאניזירן די ווירטשאפט, פון ארבעט, פון צווישנבאציִונגען. זיי האָבן זיך אויסגעשמידט און אויסגעפורעמט אין פּראָצעס פון ארבעט און קאמף און האָבן פארלענגערט דעם אָרגאניזיר־פּעריאָד פון דער נײַער אינדו-